STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02149

MENTSHN IN SHOTN

Sz Russ

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום רוס

מענטשן אין שאָטן

(דערציילונגען)

לעמבערג 1937

Printed in Poland

SZ. RUSS — MENCZN IN SZOTN
(NOWELE)

Druk. I. Friedman, Lwów, Sykstuska 2.

פריינט.

I.

12701

איינס פון די קלענסטע און שמאָלסטע געסלעך אין סאַמע מיט שטאָט איז דאָס תמיד גראָע מילע-געסל. די הייזער דאָ, דרייגאָרנדיק אויסגעצויגענע פאַרשטעלן מיט זייער הויכקייט די ברייטקייט פונם הימל, און די ליכטיקע שטראַלן פון דער זון גייען דאָ תמיד ווי ברוגזע אָן דער זייט פאַרביי, קיינמאָל זיך נישט אָנרירנדיק אפילו אָן די אויבערשטע שטאָקן. דער טאָג, מעג ער אַפילו זיין איינער פון די שענסטע זומער-טעג, איז דאָ תמיד אַביסל טונקלער ווי ערגעץ אַנדערש, גלייך ווי איבערן געסל וואָלט כסדר געהאָנגען אַ גראָער שלייער, פון סאַמע שאָטנס אַן אויסגעפלאָכטענער. די ווענט פון די הייזער זענען ווי קראַנקע מענטשן תמיד באַשפּריצט מיט אַזעלכע פונקלדיקע שווייסטראָפּנס, און דער פאַרדומפּענער ריח פון פייכטע קעלערס דרייט זיך דאָ ארום ווי אַן אייגענער.

דאָס געסל אָבער, כאָטש אַזוי קליין און טונקל איז גראָד נישט קיין שטילס, אָדער פאַרשלאָפנס; גיכער איז עס איינס פון די, וווּ דער גרויסשטאָטישער טומל לאַרמט און זשומעט ווי אַ רייסיקער באַרג-טייך, און וווּ דער רעש פון אַרבעט הערט קיינמאָל נישט אויף.

און דאָס אַלץ איז צוליב דעם, וואָס דאָ געפונען זיך עטלעכע גרויסע טוך-געשעפטן, און אַן איינציקער מיט שווייגן פאַרשלאָסענער האָטעל.

ווי אַ שוואַכער זקן, אַריינגעקוועטשט צווישן אַ לוסטיקער חברה יונגוואַרג, שטייט אַ גאַנצן טאָג דער מיט שטויב באַקלעבטער

האָטעל אַ פאַרשלאָפענער, און סודותפול קוקן זײַנע פאַרהאָנגענע פענצטער װי אויף עפּעס אַרויס. פאַרנאַכט אָבער, װען ס׳גאַס װערט ריין פון אָנגעשטעלטע פערד-און-װעגענער, און װען מיטן פאַרזשאַװערטן גרילץ פון אַראָפּפאַלנדיקע שטאָלראָלן פאַרשװינדט אויך דער געפּילדער און די געשרייען פון ברייטפּלייציקע טרעגערס און פאַקערס — דעמאָלט כאַפּט ער זיך אויף.

מיט אַ ברייטן געגעץ, װי אײנער װאָס איז נאָר װאָס אויפגעשטאַנען פונם שלאָף, עפנט דער פאָרטיער דעם האַלברונדן מיט בלאָטע באַשפּריצטן האָטעל-טויער, און שוין פון געװױנהייט װעגן טוט ער אַ הויב דעם קאָפּ צום שמאָלן פאַסיקל הימל, גלייך װי ער װאָלט װעלן דאָרטן אויספאָרשן װאָס פאַר אַ װעטער ס׳װעט היינט זיין. נאָכדעם צינדט ער אָן דעם לענגלעכן עלעקטרישן לאָמפּ איבערן טויער, װעלכער לייכט כמעט װי גאָרנישט, נאָר װינקט װי עמעץ מיט אַ האַלב פאַרמאַכט אויג: קום! און אָט דער שטומער רוף װערט דערהערט פון אַ סך װאַרטנדיקע אויערן, און אין געסל װערט צוריק לעבעדיק. אויסגעפּוצטע מיידלעך װי אויף אַ באַל באַװייזן זיך מיט אַמאָל פון פאַרשיידענע זייטן, שטיל װי שאָטנס קלעבן זיך זייערע געשטאַלטן צו די טונקלע װענט פון די הייזער, און נאָר זייערע זוכנדיקע בליקן קרייזן אַרום אָפענעם האָטעל-טויער, װי אויפגעװעקטע פליגעלעך אַרום אַ װאַרעם ליכט. שפּעטער אָבער, װען די גאַסן פונם אַרום װערן פּוסטער און שטילער און דער לאָמפּן פאַרלעשער שיט פון זיין לאַנגן שטעקן פולע הויפנס פינצטערניש אויף דער ערד, דעמאָלט ריקן זיך די אויסגעפּוצטע מיידלעך אַרויס פון זייערע װינקלען, און אייניציקע אָדער פאָרלעכװייז נעמען זיי שפּאַצירן אויף די נישט אָפּגערייניקטע טראָטואַר-שטיינער, פאַרשטעלנדיק פאַרשפּעטיקטע אַ היים-גייער דעם װעג. דאָס פריערדיקע שטילע פליסטערן צװישן זיך װערט ביי זיי אַ יעדער מאָל העכער און שטאַרקער. װערטער אַרויס-געװאָרפענע נעמען פליען װי שאַרף-קאַנטיקע שטיינער, כדי באַלד אַראָפּצופאַלן שוין גראָבע און קריגערישע װי ביי שכורים.

ס׳טרעפט זיך אויך גאַנץ אָפט, אַז אַ נערוועזער אײַנוווינער פון די אויבערשטע שטאָקן, וואָס קען צוליבן רעש און געפילדער פונם געסל נישט אַנטשלאָפן ווערן, זאָל אין אַ ווילדער פּאַסיע אויפרײַסן ס׳פענצטער און מיט אַ פולן עמער וואַסער פּרוּוון באַרויִקן די צעהיצטע קעפּ און שרײַעריש מײַלער. די מײדלעך דעמאָלט, אַנטלויפן מיט אַ קוויטש אין די ווײַטסטע ווינקלען פונם געסל, און אויף זײער אָרט וואַקסט מיט אַמאָל אויס די הויפּט־שרײַערן און הויפּט־שעלטערן — העלקע, די קלײנע.

און העלקע שעלט. קוויטשנדיקע, מיט אַ הײזעריקער אונטערלאַגע שיטן זיך אירע קללות פון איר אויסגעצויגענעם דינעם האַלדז ווי פון אַן אָנגעגרײטן זאַק, און ס׳געסל ווערט געדעכט פון זײ, גלײך הונדערטער סעדעכעס וואָלטן זיך אײנײנעם געקריגט. די מײדלעך אָבער, הערנדיק דאָס, פאַרשטאָפּן זיך מיט די פינגער די אויערן, און אויף זײערע ליפּן צעלײגט זיך אַזאַ מין שפּאָטישער שמײכל, וואָס דערצײלט פון זײער גרויסער פאַראַכטונג צו יענער קלײנער געשטאַלט, וואָס שרײט דאָרט אַזוי הויך. זײ, די מײדלעך ווײסן, אַז דאָס וואָס העלקע שעלט איצט אַזוי, איז נישט דאַפאַר, וואָס זי וויל זיך פאַר זײ אָננעמען; נישט זײער קריוודע ליגט איר אויפן האַרצן, נאָר ווײל זי מוז פון זיך אַרויסגיסן איר פאַרביטערונג, וואָס קאָכט אַזוי שטאַרק אין זיך אין איר קלײנעם גוף. און נאָך ווײסן זײ, אַז דיזעלבע קללות שיטן זיך טײלמאָל אויך אויף זײערע קעפּ, און דערזעלבער כעס גיסט זיך אויף זײ, אויב העלקע האָט נישט קײן אַנדערן קרבן. און דאַפאַר האַלטן זײ זיך פון איר פון דערווײטנס. ס׳איז אַלעמען באַוווּסט, אַז העלקע, כאָטש זי איז די קלענצטע — איז אָבער די ערגסטע פון זײ.

העלקע אַלײן ווײסט עס אויך, נאָר זי שעמט זיך שוין נישט מיט דעם. זי איז גיכער צופרידן וואָס אַ יעדער, מ׳קען זאָגן ס׳גאַנצע „געסל״ ציטערט פאַר איר מויל נאָך מער ווי פאַרן סאַניטעטס־דאָקטאָר, וואָס שיקט פאַר דער מינדסטער עבירה אין

שפיטאָל. און העלקע, קענענדיק גוט דעם כוח פון איר מויל, נוצט אים אויס ביי אַ יעדער געלעגנהייט. און אָט דער כוח וואַרפט אַזאַ שווייגנדיקע מורא אויף די אָנגעפּודערטע פּנימער פון די אויסגעפּוצטע מיידלעך, און זייערע אויערן האַלט ער אין איין פאַרשטאָפּן מיט דער געביטערישער וואָרנונג: געדענקט — ס׳געסל איז מיין! געדענקט!

און די מיידלעך געדענקען אין דער וואָרנונג, אָבער העלקעס לאַגע ווערט פון דעם גאָרנישט בעסער. איר איינציקער פּרנסה-קוואַל ווערט אַ יעדער מאָל קלענער און שמעלער און טרוקנט איין ווי אַ שמאָל ריטשקעלע אין הייסע זומער-טעג. מיט פאַרשיידענע מיטלען פּרוּווט זי זיך קעגן דעם ווערן, אָבער נישט די גלאַטיק-גלאַנציקע זיידן-זאָקן אויף די פוס, און נישט די געפאַרבטע האָר העלפן עפּעס. דער געלער געדעכט אָנגעשיטער פּודער אויפן פּנים קען שוין נישט פאַרדעקן די צייכנס, וואָס די אַנטלאָפענע יאָרן האָבן דאָרט אויסגעקריצט. און העלקען דאַכט זיך, אַז דאָס איז די סיבה, וואָס די פאַרבייגייער מיידן זי אויס. און כאָטש זי ווערט נישט מיד אין אויסזוכן אַ יעדער מאָל פרישע מיטלען, וואָס זאָלן זיין אויספּאַלנד און לאָקערנדיק, אַנטלויפן דאָך די געסט פון איר ווי פון אַ פּעסט. העלקע פּרוּווט זיי שוין אפילו נישט ווי אַמאָל רופן אויפן קול. עפּעס ווערט זי ווי אָפּגעשוואַכט פילנדיק אויף זיך זייערע קורצע חוזק-בליקן, וואָס שפּאָטן אַזוי מיאוס פון איר מאָגערן גוף און בעטנדיקע אויגן, און וואָס עגבערן איר מוח מיט נישט אַרויסגעזאָגטע ווערטער. טויגסט שוין נישט, קלינגט איר אַ באַקאַנטע שטים אין די אויערן, טויגסט שוין נישט, העלקע, ביזט אַלט! ס׳איז נישט אמת, ווילן אירע ליפּן אַ געשריי טון, אָבער צענויפצורעכנען די אַנטלאָפענע יאָרן אירע האָט זי פאָרט מורא. זי טאָר נישט וויסן וויפל זיי זענען געווען. ווייל אויב זי וועט היינט וויסן וויפל זי איז אַלט, וועט זי מאָרגן זיין נאָך עלטער. און אָט טאַקע פאַר דעם מאָרגן האָט זי אמיינסטנס מורא. און די מורא פאַרן מאָרגן, וואָס איז אַ תמיד-וואַכנדיקע

האָט אין העלקעס אויגן פלעמעלעך פון קנאה אָנגעצונדן, און פון אירע אַלע חושים אַ קוואַל פון שנאה געמאַכט. און די שנאה, אַ פאַרביטערטע טשעפּעט זיך צו אַ יעדן לאַכנדיקן פנים, און הענגט כסדר ווי אַ שווערע פויסט אויף די יונגע רויט-באַקנדיקע מיידלעך, וואָס דרייען זיך דאָ אין געסל אַרום.

נישט תמיד אָבער איז העלקע געווען אַזאַ שלעכטע און אייפערזיכטיקע. ס'זענען געווען צייטן, ווען זי האָט פון גאָרנישט געקלערט, נאָר גענומען פונם לעבן וויפל ס'האָט זיך געלאָזט. און דאָס לעבן האָט איר גאָרנישט געזשאַלעוועט; געגעבן איר אין איין יאָר מער וויפל אַ געוועגלעכער פרוי — אין צוואַנציק. אָבער יענע צייטן זענען שוין פון לאַנג אַוועק. אין העלקעס זכרון זענען זיי שוין קליינע האַלב-אָפּגעריבענע פונקטן, וואָס שטייען ערגעץ אין סאַמע אָנהויב פון איר באַנאַכטיק לעבן. העלקע האָט שוין אַ סך מאָל געפּרוווט זיי מיט דער פאַנטאַזיע לעבנדיק מאַכן, כדי ביי זייער שיין איר איצטיקע לאַגע אַביסל צו פאַרשענערן, אָבער ס'איז איר נאָך אפילו קיין איין מאָל נישט געלונגען. ווייל איר לעבן איז נישט קיין פילם-באַנד, וואָס לאָזט זיך וויקלען הין - און - צוריק, נאָר אַ קנויל פון שלאָפלאָזע אין רויך און אין שכרות איינגעטונקענע נעכט, און אין תמיד איבערגעזעטיקטע ליידנ-שאַפטן.

און ווער ווייסט וויפל שלאָפלאָזע, קריגעריש-שעלטנדיקע נעכט ס'וואָלטן נאָך געווען אַדורך אין העלקעס לעבן, ווען ס'וואָלט זיך נישט געווען מיט אַמאָל באַוויזן „מאַטשקא“ — די קאַץ.

געווען איז עס אין אַ נאַכט פון די צווישן-צייטן, ווען אונטערן הויך פונם לייכטן דרום-ווינט ווערט דער ווינטער שוואַכער און לייכטער, און דער אָנגעפאַלענער שניי — גראָער און בלאָטיקער. אַ פאַרסקנדיק, דין רעגנדל האָט פויל געוואַשן די פינצטערע שויבן, און אונטערן טונקלען ליכט פונם האָטעל-

לאָמפּ האָבן געגלאַנצט פֿאַרשיידן-אויסגעפֿורעמטע באַיורקעס ווי אַ סך אָנגעוואָרפֿענע שטיקלעך גלאָז.

דאָס געסל איז געווען ליידיק, אָבער נישט פֿאַרלאָזן. אַלע אויסגעפּוצטע מיידלעך, וועלכע האָבן זיך פֿריער דאָ אַזוי געדעכט געדרייט, זענען פֿונם נישט אויפֿהערנדיקן רעגן ערגעץ-ווו אוועק-געשווענקט געוואָרן, און געבליבן איז נאָר איין העלקע. שוין פֿון לאַנגיעריקער געוויינהייט בלייבט זי תמיד דאָ די לעצטע, גלייך ווי זי וואָלט געמוזט היטן די פֿינצטערניש, וואָס איז ווי אַ טייל פֿון איר אייגן לייב. און געהיט האָט זי נישט ווי אַ זעלנער, וואָס דרייט זיך הין-און-צוריק, נאָר אַריינפּרעסנדיק איר שמאָלן גוף צווישן טויער און רינווע האָט זי שטייענדיקערהייט געפּרוווט דרימלען. פֿון דער רינווע האָבן פֿוילע רעגנטראָפּנס זיך געהאַלטן אין איין אַרויסגליטשן, און פֿאַלנדיק אויפֿן אונטערגעלייגטן שטיקל בלעך, האָבן זיי געקלינגען מיט אַזאַ מין טעמפּער האַרטקייט, ווי קליינגעלט אויף האַלב פֿאַרפֿרוירענער בלאָטע. מיט אַן איינגע-האַלטענעם אָטעם האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם באַקאַנטן גע-קלאַנג, און פּלוצים גיך, מיט ציטערנדיקע הענט גענומען אויפֿ-קלויבן די צעוואָרפֿענע קליינע מטבעות, וואָס האָבן מיט אַזאַ מין רייצנדיקן גלאַנץ צו איר געווונקען פֿון אַ יעדן קנייטש און פֿעלדעלע פֿון דער אַרומיקער בלאָטע. און העלקע האָט געקליבן און געקליבן. און וואָס מער זי האָט זיי אויפֿגעקליבן, אַלץ מער האָבן זיי זיך פֿאַר אירע פֿוס געוואַלגערט. אַלע קעשענעס אירע זענען שוין געווען פֿול מיט געלט; פֿון איר נאָזטיכל איז שוין געוואָרן אַ האַרט, שווער קניפּל, און דער אוצר אויף דער ערד איז נאָך אַלץ געווען דערזעלבער, גלייך אַ ברונעם וואָס לאָזט זיך נישט אויסשעפּן.

און העלקע וואָלט זיך זיכער געווען צעוויינט פֿאַר צער און ווייטיק, וואָס זי קען נישט דאָס אַלץ פֿון דאַנען צונעמען, ווען נישט דאָס שאַרפֿע געהייל, וואָס האָט זיך פּלוצים אָן אירע אויערן אָנגעשלאָגן. דער אַראָפּגעבויגענער קאָפּ אירער, האָט זיך

פּאַר שרעק צו דער הויך אַ ריס געטון, און מיט אַ האַלב־צעלעכערטער הענטשקע האָט זי זיך די פאַרשלאָפענע אויגן אויס־געווישט. פון דעם שײנעם צעפלאָטענעם חלום פון פריער איז נאָר געבליבן אַ ביטערע אַנטוישונג, וואָס האָט העלקען זייער באַנג געטון.

פון דערוויטנס האָט זיך ווידער אַ קול דערהערט, אָבער דאָסמאָל שוין אַ סך רײנער און ווײנענדיקער. אַ דראָזש, אַ גליענדיקער איז העלקען אַדורך איבערן לײב. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ס׳געוויין איז פון אַן אַוועקגעוואָרפן קינד אין מיטן גאַס. מיט ברײט צעעפנטע אויגן האָט זי זיך גענומען אײנקוקן אינעם אָרט פון וואַנען ס׳געוויין איז געקומען, און מיט אַמאָל דערזען צווײ פאָספאָר־גרינע פלעמעלעך זיך אין דער לופט באַוועגן. די פלעמעלעך, אַזעלכע קלײנטשיקע און בלישטשענדיקע האָבן זיך ווי אויף אַ שטריקל אָנגעהאָנגענע אויפן ווינט געהוידעט, און אַזוי שוועבנדיקע אַ יעדער מאָל נענטער געוואָרן. נאָך אַמאָל האָט אין העלקעס אויערן אַ שטילער קרעכץ אָפּגעקלונגען, און באַלד האָט זיך בײ אירע פוס אַ ווײכע וואַרעמקייט געלאַשטשעט.

— מאַטשקאַ!

העלקע איז פון איר אײגן קול פאַרציטערט געוואָרן; זי האָט עס אַליין נישט דערקענט. איר האָט זיך געדוכט, אַז דאָס האָט עמעץ פון הינטער אירע פלײצעס אַפּיר אַזאַ פרײענדיקן רוף געטון — נישט זי. ווײל פון וואַנען האָט זיך פלוצלינג צו איר גענומען אַזאַ געפילפולער אויסגעשרײ? צו איר, וועמענס ליפּן זענען תמיד באַקלעבט מיט שוימיקע קללות, און אין וועמענס מוח איז שוין פון לאַנג טעמפּ ס׳געפיל פון אמתער, נישט געקינצלטער פרײד. ווי־זשע קומט דאָס צו איר? זי, העלקע איז נישט איצט בכוח זיך דאָס קלאָר צו מאַכן; זי פּרוווט עס אויך נישט טון. זי פילט נאָר, אַז ערגעץ טיף אין איר האַרץ האָט זיך מיט אַמאָל אַ באַהאַלטן קעמערל געעפנט און עפּעס אַ געפיל, אַזאַ אומבאַקאַנטס, וואָס זי האָט נאָך צו קײנעם קײנמאָל נישט געפילט, צעגיסט זיך

מיט אַזאַ ציטערדיקער וואַרעמקייט איבער די ווייטסטע ווינקלען פון אירע גלידער. וואָס איז דאָס? — און אַ געדאַנק ווי אַ בליץ טוט איר אַ בלענד אין מוח: רחמנות — פּשוטער מענטשלעכער רחמנות!.. העלקען איז דאָס וואָרט גישט אומבאַקאַנט. שוין אַ סך מאָל האָט עס זיך פון צווישן אירע ציין אַרויסגעקוילערט, און נאָכמער זיך אָן אירע אויערן אָנגעשלאָגן, אָבער תמיד אָנעם מינדעסטן ציטער אין איר האַרץ, אָן אַ שום ווידערקול, גלייך אַ שטיין, אַ געוואָרפענער אויפן בלאָטיקן ברוק.

אין אָט דאָס רחמנות-געפיל, וואָס פליסט מיט אַזאַ וואַרעמער צערטלעכקייט אין אַלע ווינקלען פון איר קערפּער, מאַכט אויך ווייכער אירע בליקן, וואָס זענען תמיד געווען קאַלטע און ראַפינירט-אויסגערעכנטע. אירע אויגן האָבן מיט אַמאָל פאַרגעסן אָנעם לאַנג-געוויינטן ציטער פון ווינקען; זיי קוקן שוין אויך נישט מער אויפן ליכטיקן האָטעל-טויער, וואָס איז אַלע נעכט געווען זייער איינציק-באַגערטער ציל פונקט, נאָר זען פאַר זיך אַ קליין פאַרוואָגלט באַשעפעניש, וואָס פרעסט זיך אַזוי ציטערנדיק צו אַן איינזאַמען, פאַרוואָגלטן מענטש.

און וואָס מער העלקעס בליקן וויקלען זיך אין פּיעשטשען דעם פון הונגער פאַרוואָרלאָזטן קעצישן גוף, אַלץ שווערער און אומעטיקער ווערט עס איר אויף דער נשמה. עפּעס אַ פייכטע בענקשאַפט פון א״ינעם, וואָס דערמאָנט זיך פּלוצים אין אַמאָליקע פאַרלוסטן, פרעסט פון אירע אויגן=ווינקלען קליינע, לויטערע ט״ערן אַרויס, וועלכע רינענדיק איבער איר מאַט-פאַרפּודערט פנים צייכנען דאָרט אַזעלכע שמאָלע, נאַסע פאַסעקלעך ווי פון רעגן-טראָפּנס אויף שוואַרצע פענצטער-שויבן.

העלקע ווייסט, אַז שטילע טרערן, וואָס קוילע״ן זיך לאַנגזאַם קענען קײן אומעט נישט פאַרטרייבן, זיי קענען אים גיכער פאַר-גרעסערן, פיינלעכער און שמערצלעכער מאַכן. פונדעסטוועגן אָבער פּרוּווט זי גאָרנישט צו טון, כדי אים פון זיך כאָטש אַביסל אָפּצוטרייסלען, אירע אַקסל לייכטער צו מאַכן. זי פּרוּווט עס

נישט, ווייל איר איז גוט אזוי. ס'איז איר אויך גוט מיטן טרויער, וואָס שוועבט אויף לייכטע פליגל ארום איר קאָפּ און דערציילט איר מיט אַזאַ זאַנפטער שטים פון טעג פאַרשלאָפענע אָן זוניקע, און פון פאַרלאַנגען קיינמאָל נישט דערפולטע. — ווו זענען עס, העלקע, אַהינגעקומען דיינע יאָרן, די אַלע פאַרקערטע און פאַר־פאַלענע? און די צייט ווען האָסט הויך אויפן קול אויסגעשריגן דיינע הייסע, ווייבערישע באַגערן, און פאַר גראָשנס זיי אַ יעדן געגעבן, ווו איז זי? וואָס איז דיר פון דעם אַלעמען געבליבן? אַזויפיל אויגן האָבן זיך אין דיין נאַקעטקייט געבאָדן, און קיין איינציקס האָט קיינמאָל פאַר דיינעט ווען אַ טרער געלאָזט. אַזויפיל הענט האָבן זיך ארום דיין לייב געוויקלט, און קיין איינציקע איז נישט געבליבן, וואָס זאָל אַמאָל מיט אַ לייכטן צערטל דיר אַ זאָג טון: האָסט אַ פריינט — העלקע! האָסט אַ פריינט!

נישטאָ קיין פריינט! און העלקע פרעסט דאָפּאַר שטאַרקער צו זיך דעם שטיל־קרעכצנדיקן קעצישן גוף. הייסער, מיט מוטער־לעכער ליבע גליטשן זיך אירע פינגער איבער „מאַטשקאַס" שאַרף־ארויסשטאַרטצנדיקע ביינער, און טיף אין האַרץ ביי איר נעמען פלאַטערן אַזעלכע שטילע, פאַרבענקטע ווערטער, און אַ שפּראַך, אַ שווייגנדיקע גיסט זיך שוין פון אירע ליפּן, ווי אין אַ תפלה: — — — „קום צו מיר מאָרגן! און איבערמאָרגן אויך! תמיד קום צו מיר! זיי מיר אַ פריינט, און אין שטילע, פינצטערע נעכט — אַ חבר. כ'וועל דיך אויף מיין שויס טראָגן און מיט מיין ליבע דיין איינזאַמקייט פאַרטרייבן. וועסט שוין מער קיינמאָל נישט זיין ק'ין פאַרשטויסענע און באַשפּיגענע. קום צו מיר — קום!...

II.

יענע נאכט האָט העלקע שוין נישט געזען ס'פאַרלעשן זיך פונם טונקלען האָטעל־לאָמפּ; זי האָט אויך נישט געוואָרט אויפן סקריפּ פונם פאַרבלאָטיקטן טויער, וואָס זאָל איר ווי תמיד אויף זיין פאַרזשאַווערטן לשון זאָגן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אַ היים

אַז די נאַכטיקע שאָטנס גייען שוין שלאָפֿן. יענע נאַכט האָט זי צום ערשטן מאָל איבערגעריסן מיט איר לאַנגיעריקער געוווינהייט, און פֿריער ווי תּמיד פֿאַרלאָזט ס׳געסל און געגאַנגען אַ היים. דער גראָער פֿרימאָרגן, וועלכער איז תּמיד געווען איר איינציקער באַגלייטער איז נאָך געלעגן ערגעץ פֿאַרשטעקט הינטער יענער זייט שטאָט, נאָר אַליין דער נישט-אויפֿהערנדיקער רעגן האָט זי איינגעהילט אין זיין קאַלטן, נאַסן מאַנטל, און פֿון איר פּנים דעם רעשט פּודער אָפּגעשווענקט. דאָס סקריפּען פֿון אירע שווערע, גלאַנציקע קאַלאָשן אויף די מיט וואַסער פֿאַרגאָסענע שטיינער האָבן זיך אָן אירע אויערן אין אַ באַקאַנט קול פֿאַרוואַנדלט, און איר, העלקען האָט עס מיט אמאָל שטאַרק באַנג געטון, פֿאַרוואָס דאָס באַגעגעניש צווישן איר און „מאַטשקאַן” האָט זיך אַזוי גיך געענדיקט. וועט זיין מאָרגן! — האָט זי זיך געפּרוווט טרייסטן, מאָרגן און איבערמאָרגן... אָבער דער אומעט אין איר האַרץ האָט פּלוצים אַ ציטער געטון: און טאָמער וועט זי מער נישט קומען? העלקע האָט מיט אַמאָל דערפֿילט ווי אַ קאַלטער שטעכנדיקער ווינט בלאָזט און דרייט זיך אין אירע ביינער, און די קניעס אירע ווערן שוואַכער און ציטערן גלייך אַ שווערע משא וואָלט אויף זיי געזעסן, נישט איר קליינער גוף.

העלקע האָט זיך מיט אַמאָל שטאַרק דערשראָקן. איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז באַלד וועלן די קניעס אירע זיך אימגאַנצן איינברעכן, און ווי אַן איבעריקע זאַך וועט זיך איר גוף פֿון זיי אַראָפּקויקלען, כּדי דאָ אין דרויסן אונטערן רעגן אויף תּמיד שטיל צו בלייבן. איז דאַפֿאַר די שרעק אין אירע אויגן גרעסער געוואָרן, האָט זי שוין פֿאַרגעסן זיך צוצוהערן צום באַקאַנטן קרעכצן פֿון אירע קאַלאָשן, נאָר אָנגעהויבן צו מאַכן לאַנגע שפּאַן, מיט עקשנות זיך געדראַפּעט אויפֿן גליטשיקן בערגל, מיט פֿאַר-ביסנקייט געשלעפּט די פֿוס פֿון דער ליימיקער ערד, אין שוין אַ גאַנץ פֿאַרמאַטערטע אָן לופֿט אין די לינגען צוגעפֿאַלן צו דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון איר היים.

אינווייניק אין שטוב האָט זיך עפּעס אַ ריר געטון. אַ שאַרפער סקריפּ פון אַ בעט, עטלעכע זיך שטיל־שאַרנדיקע טריט און אַ הייזעריקער פרעג:

— ווער איז?!

— עפן!

מיט אַ האַרטן אָפּגעהאַקטן קלאַפּ איז דער ריגל אויף יענער זייט טיר צוריקגעשפּרונגען, אין שליסל־לאָך האָט אַ שליסל זיך צוויי מאָל גרילצנדיק איבערגעדרייט, און ווי אַ נאָכגעלאָזטע פעדער איז די טיר פּלוצים צוריקגעשפּרונגען, פריי מאַכנדיק פאַר העלקען דעם וועג. זי איז אַריבער די שוועל און מיט אויסגע־שטרעקטע הענט ווי אַ בלינדע״, געפּרוווט פאַר זיך צייכענען אַ וועג אין דער פינצטערניש. אָבער שוין ביים צווייטן שפּאַן איז אַ פּלוצלימדיקע פראַגע היגנאַרומעט איר דעם וועג פאַרלאָפן, און ווי אַ בעלעק זיך פאַר אירע פוס געלייגט:

— אַזוי פרי — העלקע?!

נישט ווילנדיק האָט העלקע אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דער אָפענער טיר און אין דער טונקלקייט באַמערקט דעם צעפלאָסענעם שאָטן פון איר איינאויגיקן חתן. זי האָט געוווסט, אַז אונטער יענעמס הויט ציטערט אַן אומרויקע נייגעריקייט, און אַז יענעמס געהער איז ווי אַ מאַגנעס, גרייט אויפצוכאַפּן אַ יעדן קלאַנג אירן. זי אָבער העלקע, איז נישט בכוח געווען עפּעס אַרויסצוזאָגן; אַ געדעכטע נעץ פון שטעכעדיקער מידקייט האָט זי ווי אַ קינד אין קישעלעך פאַרוויקלט, און אפילו די ווינקלען פונם מויל פאַרקלעבט. איז זי דאַפאַר אַ שווייגנדיקע ווייטער געגאַנגען, מיט גרויס מי פון זיך דעם אויסגעווייקטן מאַנטל אַראָפּגעוואָרפן, און אַזוי נאָך אַן אָנגעטועגע זיך אויפן בעט אַנידערגעזעצט, אָנלע־נענדיק דעם זאַמראָטשעטן קאָפּ אירן אָן דער קילער, פייכטער וואַנט.

און ער, העלקעס חתן האָט אַן אומרויקער געפינטלט מיטן איינציקן אויג זיינעם, און בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיי

וואָס ס׳איז היינט מיט איר געשען. פאַר וואָס איז זי אַזוי פרי אַהיים געקומען? פאַר וואָס איז זי אַזאַ שווייגנדיקע? ס׳איז דאָך גאָרנישט איר טבע! שטאַרק, מיט אָנשטרענגונג האָט ער געבּישטערט אין מוח נאָך אַ תירוץ דאָס אַלץ צו פאַרענטפערן, אָבער די געדאַנקען דאַרטן האָבן זיך געדרייט אַזעלכע לויזע און צעריסענע ווי שטיקלעך פאַפּיר אויפן ווינט. און פּלוצים האָט זיך איינער פון זיי אָפּגעריסן, אַרויסגעשווימען אויפן אויבערפלאַך און הייס אַ בלענד געטון: אפשר איז זי קראַנק? ער, דער אייבּאויגיקער האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי דער קאָפּ ווערט אים שווערער און הייסער, ווי די שלייפן האַקן און רייסן, גלייך ווי ס׳בלוט וואָלט פון זיי געוואָלט אַרויס. העלקע איז קראַנק! שטיל האָט ער צוגעמאַכט די אָפּענע טיר, נאָך שטילער געשאַרט די באָרוועסע פוס איבער דער קאַלטער בריק, און כמעט ווי אָן כוחות זיך אַריינגעלייגט אין בעט. העלקע איז קראַנק! דער געדאַנק האָט אים שוין נישט נאָכגעלאָזט, נאָר פעסט זיך געדרוקט צו זיין ברוסט און ווי אַ בלוט-צאַפּנדיקע פּיאַווקע געגאָגט און געשטאָכן ביז צום חלשן. ער האָט גאַנץ גוט געוווסט, וואָס ס׳הייסט קראַנק זיין, — דאָס איז צוויפאַכיק פאַרלירן. דאָס הייסט נישט גיין אין גאַס, גאָרנישט פאַרדינען, נאָר אַ סך אויסגעבן. זייער אַ סך אויסגעבן! פאַרן דאָקטאָר, פאַרן אַפּטייקער, פאַרן באַנקעשטעלער — פאַר אַ יעדן, פאַר אַלע — און וואָס-זשע וועט בלייבן פאַר אים? פאַר אים, העלקעס לאַנגיעריקן חתן? ווו וועט ער נעמען אויף אַ טאָג איבערצולעבן, און ווער וועט אים געבן אויף אַ ציגאַר-טיטון? און ער פילט, ווי די מורא פאַרן מאָרגן קוקט צו אים ווי אַן אומהיימלעך געשפּענסט, גרייט אַ יעדע רגע זיך אויף אים צוּ-וואַרפן, און מיט אירע פייכטע לאַפּעס אים ווי אַ וואַנץ אויף טויט צו דערקוועטשן.

אויפגעכאַפּט פאַרטאָג האָט ער זיך מיט אַ זויערקייט אין מויל, און מיט אַ שווערן, אָנגעווייטיקטן קאָפּ. אַ נאַרישער חלום, האָט ער אַ טראַכט געטון, אַ פאַסקודנער חלום, נאָך וועלכן

מ׳באַדאַרף נאָר אויסשפּייען. און כדי זיך צו באַרויִקן, אַז אַלץ איז געבליבן ווי פריער, נישט פאַרענדערט, האָט זיך דער בליק פון זיין איינציקן נאָך געזונטן אויג מיט אַמאָל אין העלקעס זייט אַ קער געטון, און אין האַלבן לויף פאַר שרעק הענגען געבליבן. ווי פון ליים אַ פאַרגליווערטע, מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ איז העלקע נאָך אומגאַנצן אַן אָנגעטוענע, אַפילו מיט די פאַרליימיקטע קאַלאָשן אויף די פוס, געזעסן אויפן בעט אַזאַ מין שווייגנדיקע, אָן אַ שום צייכן פון לעבן. טויט! אַ ברענענדיקער ציטער האָט אים פונם בעט אַרויסגעשליידערט, און מיט איין שפּרונג איז ער געווען לעבן איר. זיין לאַנג, דאַר געשטאַלט האָט זיך איבער איר אין דרייען איינגעבויגן און פון זיינע אַלע חושים איז געוואָרן איין געהער, גלייך אַ גרויס, אָנגעשטרענגט אויער. און דאָס געהער אַזאַ מין שאַרפס און אָנגעצויגנס האָט געלויערט און געזוכט כדי אויפצוכאַפּן פון העלקען עפּעס אַ קלאַנג, אָדער אַ ריר; אָבער מער ווי דאָס קלאַפּן פונם אייגענעם האַרץ האָט ער נישט געהערט. האָט ער דאַפאַר נידעריקער דעם קאָפּ זיינעם צו איר ברוסט צוגעבויגן, נאָך מער די אויערן אָנגעשפּיצט, און ערשט נאָך אַ פּאָר לאַנגע, שווערע סעקונדן דערפילט אַ גליטשן זיך פון אַ וואַרעמען, שוואַכן אָטעם איבער זיין פּנים. זי לעבט, האָט זיך אים געוואָלט אַ געשריי טון, זי לעבט! אָבער ער האָט זיך גיך געהאַמעוועט. ווייל קענענדיג זייער גוט העלקעס כאַראַקטער און וויסנדיק אַז פאַר שטערן איר דעם שלאָף קען מען אָפּרייסן דעם אמתן פּסק, האָט ער ליבערשט געשוויגן און הינטערווײַלעכץ זיך שטיל פון איר אָפּגערוקט. און כאָטש אויף אים איז נאָך אַלץ געלעגן העלקעס וואַרימער אָטעם, פונדעסטוועגן האָט ער פון דעם קיין שום פרייד געפילט. זיין פּנים איז ווי פריער געווען שלאָף און פאַרמרהשחורעט, גלייך ווי אומגאַנצן אַ פאַרדעקטס פּנים שוואַרצן בענדל איבערן אויסגערינענעם אויג. וואָס וועט פון אים ווערן, אויב העלקעס קראַנקייט וועט זיך אַרויסווייזן פאַר געפערלעך, און מ׳וועט זי מוזן אַוועקנעמען אין שפּיטאָל? וואָס וועט ער דעמאָלט

טון, כדי פון הונגער נישט צו שטאַרבן? אפשר בעטלען גיין — אָדער גאָר גנבענען?! ער פילט ווי אַ קאַלטער שווידער לויפט אים איבערן רוקן-ביין ווי אויף שטעכנדיקע רעדעלעך, און די ציין זיינע ציטערן און קלינגען, ווי אין גרעסטן פראָסט. טויגסט שוין צו גאָרנישט, שרייט צו אים זיין אינעווייניקסט קול; נישט צו קיין אַרבעט און נישט עפּעס צו פאַרדינען ביזטו נאָך פּעק. אַזויפיל יאָרן געלעבט פון פרעמדער האָרעוואַניע, אַזויפיל יאָרן פאַרגעסן וואָס ס׳הייסט אַרבעט וועסטו דאַפאַר איצט זיין ווי אַ הונט. ווי אַ פאַרשטויסענער, אַרויסגעיאָגטער הונט וועסטו זיך בלאָנקען אַ הונגעריקער אין די גאַסן ביז די קישקעס אין בויך וועלן זיך דיר איבערקערן, און ערגעץ-ווו הינטער אַ פּלויט וועסטו פאַרגיין, אָט אַזויווי ס׳פאַרגייט אַ היימלאָזער, קראַנקער הונט!

די לעצטע עטלעכע ווערטער כאָטש אָזעלכע שווייגנדיקע און נישט אַרויסגערעדטע, זענען אָבער מיט פול ווייטיק איינגעקריצטע אין זיינע אויערן שטעקן געבליבן און ס׳געמיט אים נאָך שווערער געמאַכט. עפּעס אַ שווערער טרויער האָט אים די אַקסל צו דער ערד געדריקט און אַ רחמנות צו זיך אַליין האָט אין זיין האַרץ געוויינט. אַ בייסיקע קעלט האָט מיט אַמאָל זיין לייב ווי מיט ווייסן שראָן באַדעקט און אַלע גלידער זיינע שטייף אויסגעצויגן ווי געפרוירן גרעט. און פּלוצים האָט זיך אַ ליכטיקער זונען-שטראַל ווי אַ גאָלדן זומער-פייגעלע אויף די גראָע פענצטער-שייבלעך אַ שפּיל געטון, אַ פּאָר מאָל זיך געדרייט אין אַלע ווינקעלעך, גלייך ווי ס׳וואָלט געזוכט אַ קליין שפּאַרנקעלע ווירמעט אין שטוב אַריין צופליען, און באַלד שוין מיט ווייכער וואַרימקייט געטרוקנט די פייכקייט פונם איינאויגיקנס איינציקן אויג. אין דרויסן איז דאָ זון! ס׳איז שוין טאָג! און אונטערן דאָזיקן איינדרוק איז די קעלט פון אים ווי נעפּל אַנטלאָפן, און די גלידער זענען אים צוריק לעבעדיק געוואָרן, ווי פריער. ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז ער שטייט גאָר אין די אונטערוועש, און אַז די שפּיץ-פוס זענען ביי אים בלאָ ווי אָן בלוט. האָט ער דאַפאַר גיך אויף זיך אַרויפגעצויגן די אויבערשטע מלבושים און

שטיל אַרויס אין דרויסן זיך אַ באָד טון אין דער אומזיסטיקער וואַרעמקייט פון דער נאָר וואָס אויפגעגאַנגער זון.

און די זון האָט נישט געקאַרגט אירע וואַרעמע שטראַלן, נישט געזשאַלעוועט קיין אומזיסטיק ליכט, נאָר פּאַסנווייז עס געוויקלט אַרום אייניאויגיקנס לאַנגן גוף, און מיט ווייכער צערטלעכקייט געפּרוּווט זיין נשמה אַביסל פריידיקער מאַכן. אָבער ער, דער אייניאויגיקער זיצנדיק אַן איינגעהויקערטער אויף דער אַלטער, אָפּגעשליפענער שוועל האָט דאָסמאָל פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די אויגן-דעקלעך, כדי ווי אַמאָל אַ זאָרגלאָזן דרימל צו כאַפּן אויף דער פרייער לופט, נאָר ס׳איינציק זעענדיקע אויג איז ביי אים מיט אַמאָל ברייטער און גרעסער געוואָרן און דער בלאָנדזנדיקער בליק זיינער איז עפּעס אַזוי מאָדנע און ווי דערשראָקן געלאָפן איבער דער שטילער ווי פאַרגליווערטער געגנט פון אַרום, גלייך ווי ער וואָלט דאָס אַלץ צו ערשטן מאָל דערזען. ער געדענקט נישט ער זאָל שוין האָבן אַמאָל געזען דעם הויקערדיקן באַרג-רוקן אַ פאַרליימיקט-געלן און צעיורענעם, און די בוימער — נאַקעט-סטאַרטשנדיקע ווי איבערגעקערטע בעזעמער. ס׳האָט אים קיינמאָל קיין חשק געגומען די געגנט ווינטער אָדער אין די צווישן-צייטן אָנצוקוקן; דעמאָלט איז אַ סך אָנגענעמער צו זיצן אין וואַרעם-באַהייצטע שטיבער, און חלומען פונם באַלד אָנקומנדיקן זומער. אָט פון דעם וואַרעמען זומער מיט זיינע לאַנגע הייסע טעג און בלויע שמעקעדיקע נעכט. ער ווייסט, אַז אויך דאָסמאָל, אין אַ ליאַדע פאָר וואָכן וועט זיך אַלץ דאָ צעגרינען און צעבליען. פייגל, אויפגעוועקטע פונם ווינטערדיקן שלאָף וועלן אָן אָן אויפהער פליען און פישטשנדיק צוויטשערן. יונגלעך מיט מיידלעך וועלן לוסטיקע, מיט געזאַנג אויף די ליפּן לויפן איבער די שמאָלע סטעשקעלעך — און פריילעך און לעבעדיק וועט דאָ מסתמא זיין אַזוי־ווי פאַר אַ יאָרן, פאַר צוויי יאָר — ווי תמיד! פריילעך וועט זיין פאַר אַ יעדן, פאַר אַלע, נאָר נישט פאַר אים. פאַר אים, העלקעס אייניאויגיקן חתן. דעם זומער וועט

ער דאָ שוין מער נישט זיין. דעם זומער וועט ער זיך שוין מער נישט קענען דאָ אויסציען אויפן גרינעם סאַמעט-ווייכן גראָז און מיטן גאַנצן כוח שעפּן דעם פייכטן געשמאַק פון דער זומערדיקער ערד. אָדער זיין לאַנגן, זאַרגלאָזן גוף הפקר לאָזן קעגן די ברע-נענדיקע זון-שטראַלן, — און פון גאָרנישט קלערן, און פון גאָר-נישט טראַכטן. ער ווייסט, אַז דעם זומער וועט ער שוין פון דעם אַלעמען גאָרנישט מער געניסן; גאָרנישט וועט ער האָבן, ווייל זיין פרנסה-געבערן העלקע איז קראַנק און אָן כוחות נאָך עפּעס צו פאַרדינען. איפּ וועלן בלייבן נאָר די אַמאָליקע זכרונות און אַ נאָגעניש אין האַרצן נאָך דער שיינער, און אזוי אומגערעכט איבערגעריסענער צייט.

און ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך ער וואָלט אַזוי געווען געשפּינט דעם טרווידיקן געדאַנק פון זיין נאָענטער צוקונפט, ווען נישט דער כלוסק פון זיך גיסנדיק וואַסער אין אַ בלעכערנער שיסל, וואָס האָט זיך פּלוצים צו זיינע אויערן דערטראָגן. דער געדאַנק איז אים אין דערזעלבער רגע ווי אַ שוואַכער פאָדעם איבערגעריסן געוואָרן, און אין קאָפּ ביי אים האָט זיך אַ פּוסטקייט מיט אַמאָל אַ דריי געטון, ווי אין אַ ליידיקן טאָפּ. מיט אַ דרוק פון זיין אונטערגעשפּאַרטער פּלייצע האָט זיך די טיר מיט אַ קרעכץ אָן עפן געטון, — אוןווידער איז דער בליק זיינער אין האַלבן וועג שטיין געבליבן; אָבער דאָסמאָל שוין נישט פאַר שרעק, נאָר פון פאַרוווּנדערונג: אָן אַנטבלויזטע ביז צום גאַרטל איז העלקע אָן איינגעבויגענע געשטאַנען ביי אַ פולער שיסל וואַסער און פּאַוואָלע ווי אָן חשק געוואַשן איר לייב.

ווי אַ ראָב מיט אַן אָנגעשפּיצטן שנאָבל גרייט אַ פּיק צו טון, האָט דער איינאויגיקער געקרייזט אַרום העלקעס אָנגע-בויגענער געשטאַלט, אַ יעדער מאָל פעסטער און נענטער, ביז זיין אָפּגעריבענער ראָק האָט זיך שוין כמעט אָנגערירט אָן איר באַקעטן לייב. ער האָט געפילט ווי פון אַ יעדן אָנריר זיינעם ציטערט זי אויף, און אַ יעדער רגע דערוואַרט פון איר צו פאַר-

גענומען דעם אמתן געשריי, וואָס איז איצט אַזוי באַקאַנט און נאָענט צום האַרצן. אָבער אויך דאָסמאָל האָט ער זיך אָפּגענאַרט. העלקע האָט קיין שום געשריי נישט געטון. זי האָט אפילו דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן, נאָר שטיל און פּאַמעלעך פון צווישן די ציין אַ מורמל געטון:

— געב אַ האַנטוך!

מיט אַ הכנעה פון אַן אָרימאַן, וואָס דערוואַרט צו באַקומען עפּעס אַ נדבה, האָט ער איר פון דער שאַפע אַרויס דערלאַנגט ס׳געוווּנטשטע האַנטוך. ער האָט זיך אויך לעבן איר אַנידערגעשטעלט, מיינענדיק, אַז זי וועט פון אים נאָך עפּעס פאַרלאַנגען, אָבער זי האָט מער פונעם מויל קיין וואָרט אַרויסגעלאָזט. שווייגנדיק האָט זי זיך גענומען אָרומווישן און דערנאָך פּאַמעלעך אָנטון.

אַ פאַרטרערטער איז זיין בליק געשפּרונגען איבער אַלע אירע באַוועגונגען, געזוכט אויף זיי עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל אים קענען, כאָטש אין דער קלענסטער מאָס אָנווייזן אויף איר אַנדערשקייט, אויף איר פאַרהאַרטעוועטן שווייגן. הונדערטער ווערטער האָבן זיינע ליפּן ווי גליענדיקע גלאָוניעס געבריט, און אים איז נישט מעגלעך געווען פון זיי אַ פראַגע אויסצופלעכטן. אַ פראַגע, וואָס זאָל מיט איר שאַרפקייט העלקען צווינגען אַ רעד צו טון, וואָס ס׳איז מיט איר געשען.

און וואָלט אים שוין אפילו געווען געלונגען עפּעס אַ פרעג צו טון, וואָלט אים העלקע אויף דעם אויך נישט געווען געענפערט. איר שווייגן וואָלט זי נישט איבערגעריסן. איר שווייגן איז נישט געווען קיין אויסערלעכעס, קיין אויפגעבלאָזנס, וואָס קומט פון איינגעשפּאַרקייט אָדער רוגז, — נאָר אַן אינערלעכעס. זי, העלקע האָט נישט געוואָלט מיט עטלעכע פּראָסטע ווערטער איבעררייסן איר אייגענע שטים. איר שטים, וואָס האָט איר עפּעס מיט אַזאַ מין אַנדער, אומבאַקאַנט לשון אין די אויערן געפּליסטערט,

און דערציילט, ווי מ׳דערציילט אַ קינד א ווונדערבאַר, שיין מעשה׳לע.

און דאַפאַר האָבן זיך אויך אירע בליקן אין שטוב געדרייט ווי פרעמדע און צו גאָרנישט זיך צו גערירט. זי האָט נישט געזען איר איינציקן מאַנטל, וואָס איז לעבן בעט געלעגן, אַ נאַסער, אַ דורכגעווייקטער, ווי אַן איבעריקע שמאַטע אַן אַוועק־געוואָרפענע. אפילו די מיט ליים און בלאָטע פאַרשמירטע קאַלאָשן האָבן זי נישט באַרירט. זיי, די בליקן אירע זענען געגאַנגען איבער זיי, און העכער פון זיי. קיין שום זאַך איז נישט אומשטאַנד געוועזן זיי צו פאַרהאַלטן, און קיין שום שטערונג האָט זיי אין זייער וועג געטראָפן. ווי טויבן, פאַרבענקטע, זענען זיי אין א גלייכער ליניע געפלויגן, — און באַלד האָט העלקע אַ באַקאַנט אָרט דערזען, און אַ ליב, קליין באַשעפעניש האָט ווידער אמאָל איר, העלקעס האַרץ וואַרעם ציטערן געמאַכט.

— העלקע!

דאָס וואָרט כאָטש אַזוי שטיל און ווי מיט געבעט אַן אַרויסגעזאָגטס, איז אָבער מיטן פלוצלעמדיקייט ווי אַ קלאַפּ אויף העלקעס קאָפּ געפאַלן, אַז ס׳האָט איר אַזש פאַר די אויגן אַ שווינדל געטון.

— וואָס איז?

— און עסן היינט וועסטו גאָרנישט?

ער, דער איינאויגיקער האָט זיך שטאַרק מי געגעבן און געפלייסט, אַז זיינע רייד זאָלן קלינגען וואָס ווייכער און שענער. זאָל זי זען, ווי ער איז איר געטריי און איבערגעגעבן; ווי ער האָט זי תמיד אין זינען, און אַז איר רוגז מיט אים איז אַ גאַנץ אומזיסטער. ער איז אויך געווען זיכער, אַז איצט וועלן שוין זיינע ווייכע ריידווירקן, און אַז באַלד וועט ער פאַרנעמען איר ענטפער.

העלקע אָבער האָט ווייטער נישט געענפערט, נאָר שווייגנ־דיק פאַרוואָרפן ס׳שאַלעכל אויף די אַקסל, פון הינטערן בעט

אַפּירגענומען ס׳פּאַרלעטעטע קוישל, און אָן אַ זיי געזונט, אַוועק אויפן מאַרק עפּעס צום עסן איינצוקויפן.

ס׳איינקויפן ביי איר האָט דאָסמאָל אַ סך ווייניקער געדויערט ווי תמיד. דאָסמאָל איז זי נישט געלאָפן פון איין שטעלע צו דער אַנדערער, און מיט געשריי געזוכט צו קויפן שיינע זאַכן פאַר ביליק געלט. אויך איר דינגען זיך מיט די זיצערנס איז דאָסמאָל אַ סך שטילער און גיכער צוגעגאַנגען ווי תמיד. באַקאַנטע, ברייט צעזעצטע סעדעכעס האָבן זיך אַפילו געוווּנדערט, פאַרוואָס העלקע וויל איצט נישט אָננעמען זייערע איינלאַדונגען זיך אַביסל לעבן זיי צוצוזעצן, דעמאָלט ווען אַ אַנדערסמאָל טוט זי עס אַפילו אומגעבעטערגערהייט. זיי, די סעדעכעס פלעגן תמיד גרויס הנאה האָבן פון די פּיקאַנטנע פלאָטקעלעך און געפּעפּערטע וויצן, וואָס העלקע האָט זיי אַ יעדן טאָג דערציילט. זיי פלעגן זיך דאַפאַר אַרום איר אַרומרייסן ווי אַרום אַ פעטער מציאה, און דאָס נישט צוליב עפּעס אַ פּאַרדינסטל, נאָר גלאַט צוליבן אומזיס-טיקן אונטערהאַלט.

פאַר העלקען אָבער איז עס געווען אַ סך מער ווי אונטער-האַלט. זי איז געווען צופרידן און אַפילו גליקלעך, וואָס ס׳געפונען זיך נאָך מענטשן, פאַר וועלכע זי איז תמיד גלייך אינטערעסאַנט, און וועלכע האָבן פון איר נאָך אַ שטיקל הנאה. און דאַפאַר האָט העלקע זיי נישט געזשאַלעוועט, נאָר כסדר געבערענגט פרישע נייעסן, געשעענישן, און באַפּוצנדיק זיי מיט אַביסל פאַנטאַזיע שוין גרייטע געשיט הויפנווייז איבער אלעמנס קעפּ, אָנשטאָפּנדיק, אינאייינוועגס די ברייט צעעפנטע, גיריקע סעדעכעס-מיילער מיט קלינגענדיקן געלעכטער.

און אַזוי איז עס שוין געווען אַ יעדן טאָג. אַ יעדן טאָג האָט העלקע די סעדעכעס געפיטערט מיט פרישע אויסגעקלערטע און נישט אויסגעקלערטע מעשות, און אַ יעדן טאָג פון זיי פאַרנעמען די זעלבע אין חניפה אויסגעווייקטע ליב-ווערטער: ביסט אַ ווילע, העלקע! אַזאַ יאָר שוין אויף אונדז, ווי וויל דו ביכט! העלקע אַליין האָט אַפילו

נישט געוווסט ווו זיי זיי זענען דאָס איר ווילקייט, אָבער אָנגענו־
מען, פאַרשטייט זיך, האָט זי עס, און צופרידן פון דעם איז זי
געווען.

און אַזוי איז געווען נעכטן און אייערנעכטן, און אַלע
פאַרגאַנגענע טעג. דאָסמאָל אָבער האָט זי פּלוצים אָן אַלעמען
פאַ־געסן. זי האָט נישט געוווסט פאַרוואָס און פונוואַנען ס׳האָט
זיך צו איר מיט אַמאָל גענומען אַזאַ מין עקל און אָפּשיי צו דעם
גאַנצן פילפאַרביקן מענטשן-געפּלאָנער, וואָס פּאַליעוועט אַזוי דאָ
און זשומעט ווי מחנות אָנגעפלויגענע בינען. זי האָט עס נישט
געוווסט, און אפילו נישט געפּרווט אויסגעפינען די סיבה פון
דעם. איר גאַנצע אָנשטרענגונג איז איצט גיכער געווען, וואָס
שנעלער איינצוקויפן, און וואָס פריער ס׳קוישל פולער צו מאַכן.
ס׳איז נישט געווען דאַפאַר, וואָס זי האָט זיך אפשר געאיילט אַהיים
צוגיין עפּעס איבערצוכאַפּן, אָנעם עסן האָט זי גראָד איצט נישט
געדענקט — נאָר געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן די געדעכטע,
שרייענדיקע מאַסע, וואָס הילכט דאָ אַזוי שטאַרק, און רוישט
ווי אַ ריזיקער וואַסערפאַל.

III.

דריי לויטערע קלאַנגען האָבן זיך פּלוצים איינער נאָכן
אַנדערן אַראָפּגעקויקלט פון דער וואַנט, שפּילעוודיק צוגעפאַלן
צו העלקעס אויערן, און ווי דערמאָנט: דריי שוין אַ זייגער! שוין
דריי...?! און די בליקן אירע האָבן שוין שלעפעריקע געדרימלט
אין אויפגעבעטן בעט. מיט אַ ברייטן גענעץ ווי פון אַ פוילער
קאַץ, האָט העלקע אַ זאַטע זיך אויפגעהויבן פונם מיטאָג, אַ צוויי
שפאַן געמאַכט צום בעט און דערמאָנענדיק זיך פּלוצים אָן עפּעס,
אין מיטן וועג שטיין געבליבן. היינט וועט זי זיך נישט צולייגן
אַ דרימל צו טון ביז דער אָנגעקומענדיקער נאַכט; היינט וועט זי

תיכף אַרויס אין גאַס. תיכף, ווייל דאָרטן וואַרט שוין מסתמא עמעץ אויף איר. עמעץ, וואָס איז איר, העלקעס אַ פרײַנט!...

דער לייכטער זשום פון זיידן אָנגעטועכץ האָט דעם איינ-אויגיקן אַ שטילן גלעט געטון, און ס׳דרימלדיקע אויג זיינס האָט זיך מיט אַ ציטער געעפנט. ער האָט געזען ווי העלקעס וואַכנדיק אָנגעטועכץ ליגט איבער דער בריק צעשפּרייט, און זי אַליין שטייט שוין אָן אָנגעטוענע, אַן אויסגעפּוצטע ווי נאָך קיינמאָל. וואָס איז דאָס? אין אַ פּראָסטן טאָג אַזאַ מין טראַכט?! צוליב וועמען?... ער האָט זיך ווידער געפּרוווט ווונדערן, נאָר אין מוח האָט עס מיט אַמאָל אַ בליץ געטון, און דער ענטפער איז שוין געשטאַנען אַ גרייטער: העלקע האָט אַ קאַכאַנעק! — אַ קאַכאַנעק? און די פינגער זיינע האָבן זיך פּלוצים אויסגעקרומט, פאַרשפּיצ-טער געוואָרן, ווי נעגל פון אַ רויב-פויגל. ער, דער איינאויגיקער איז געווען גרייט מיט איין ריס פון איר ס׳קלייד אַראָפּצורייסן, און אַ נאַקעטע זי אַרויסוואַרפן פון דער שטוב. און נישט נאָר איבער דער שוועל זי אַריבערוואַרפן האָט ער געוואָלט, נאָר מיטן פוס איר געבן אַזאַ מין שטויס, אַז דער קערפּער אירער זאָל ווי אָן אָפּגעריסענער שטיין זיך קויקלען און קאַטשען באַרג אַראָפּ ביזן אָפּגרונט אַריין. זאָל זי דאָרטן ליגן אַ געפּגרטע און פוילן — און קיינעמס זאָל זי נישט זיין!

אַזוי האָט ער אין ערשטן מאָמענט פון אויפרעגונג געוואָלט טון. און אויב ער האָט עס תיכף נישט געטון, איז עס נישט דאַפאַר וואָס דער כעס זאָל זיך געווען האָבן ביי אים פּלוצים געשטילט; פאַרקערט, דער כעס האָט ביי אים געקאָכט און גע-ברויזט, געציטערט און געשריגן, און מיט הונדערטער קולות גערופן צו טאָן. נאָר די טאַט האָט נישט געקענט קומען, ווייל הינטער זיינע פּלייצעס, איז ווי אַ פינצטערער שאָטן געשטאַנען די מורא און שעפּטשנדיק אים געהאַלטן פאַר די הענט: וועסט עס נישט טון, דו נאַר איינער! וועסט עס נישט טון! דיר גוט מאַכן מיט דעם וועסטו גאָרנישט! און אפשר, ווער ווייסט, אפשר

איז נאָך גאָרנישט אַזוי שלעכט, ווי ס׳שטעלט זיך דיר פאָר; אפשר טאַקע נישט?!

ער, דער איינאויגיקער האָט זיך מיט האַרצקלאַפּעניש צוגע-הערט צו זיינע אייגענע געדאַנקען, און אַן אַנגסט אַ קאַלטע האָט זיך אַ גאַנץ געטון איבער זיין לייב, ווי פאַר חלשות. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך געפּרוווט באַרויקן, כדי עפּעס לייטיש אויסצוקלערן, וואָס זאָל אים מעגלעך מאַכן אויפצודעקן העלקעס סוד. אַ לענגערע ווײַלע האָט ער אַזוי אָנגעשטרענגט געקלערט און צולעצט באַשלאָסן פון העלקען דירעקט גאָרנישט פּרוּוון אַרויסצובאַקומען, נאָר ווערן איר צווייטער שאָטן. איר אַזוי לאַנג נאָכגיין, זי אַזוי לאַנג שפּיאָנירן — ביז אַלץ וועט אים ווערן קלאָר. דער פּלאַן איז אים זייער שטאַרק געפעלן, און דער עיקר אים אַביסל באַרויקט און האָפענונגספולער געמאַכט.

— אפשר העלפן דיר אַוועקרוימען די אַלע זאַכן?

ער האָט זיך נישט אָנגעבויגן עפּעס אויפצוהייבן, אפילו דעם מינדעסטן קלער נישט געטון וועגן דעם, נאָר גאַנץ גלייכ-גילטיק איבער דעם אַלעמען אַרומגעשפּאַנט אונטערפייפנדיק זיך אונטער דער נאָז עפּעס אַ שטילע מעלאָדיע. זאָל זי זען, אַז ער האָט זי ערגעץ אַנדערש, און אַז איר גאַנץ אויפפירן זיך מיטן אָנגעכמורעטן שווייגן אַרט אים פּונקט אַזויפיל ווי דער פאַראַיאָרי-קער שניי.

צי זיין פריערדיקע געשטעלטע פראַגע און ס׳שפּעטערע גלייכגילטיקע שפּאַנען און פייפן האָט עפּעס אויף העלקען גע-ווירקט, דאָס האָט ער נישט געוווסט, און ס׳איז אים אויך נישט, אין דעם מאָמענט, אינטערעסאַנט געווען צו וויסן. ער האָט דאָס אַלץ געטון נאָר פאַר זיינעט וועגן — ווייל דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אויספירן דעם פּלאַן.

עטלעכע מינוט איז ער געשטאַנען אַזוי ביים פענצטער נאָכקוקנדיק העלקען ווי זי שפּאַנט מיט אירע דראָבנע טריטעלעך באַרג אַראָפּ, און ערשט דעמאָלט ווען זי איז פאַרשווינדן ביים

נאָענסטן ראָג, איז ער אַרויס נאָך איר, נישט וועלנדיק זי פֿאַרלירן פֿונעם אויג. ווי ס'ווייזט אָבער אויס, איז זי זייער גיך געגאַנגען, ווײַל ווען ער האָט זיך שוין אויך געפֿונען אויף דער גלײַכער גאַס, איז שוין פֿון איר דאָ מער קיין צייכן געווען. ער איז פּלוצים געוואָרן אומרויִק און נישט געוווּסט וואָס ס'איז געשען. ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער הונט איז זײַן בליק געלאָפֿן לענג אויס דער גאַס, אין שטאַרקסטן גאַלאָפּ זיך ראַפּטעם אָפּגעשטעלט, שפּעטער מיט זיג-זאַג שפּאַן זיך צו אַ יעדן באַהאָפּטן, אַלעמען באַטאַפּט און באַשמעקט און זעענדיק צולעצט, אַז ס'איז נישט ס'געזוכטע, מיט אימפּעט זיך ווײַטער געוואָרפֿן פֿאָרויס. און מיט אַמאָל האָט ער באַמערקט ווי פֿון דער גייענדיקער מאַסע האָט זיך אַרויסגעשיילט עפּעס אַ קליין געשטאַלטל, וואָס האָט מיט גיכע טריטעלעך אַדורכגעשפּייזט דעם שטראָז, און בײַ איינעם פֿון די גרויסע פֿענצטער-אויסלאַגעס זיך אָפּגעשטעלט. דער בליק זײַנער האָט זיך האַסטיק אויף איר אַ וואָרף געטון, אַ קורצע ווײַלע אַרום איר געטאַנצט, און דערנאָך זיך שוין צו איר צוגע-בונדן ווי מיט אַן אומזעבאַרן שטריק.

העלקע איז אַרײַן אין געשעפֿט, און אים דעם אייגאַויגיקן איז עס שווער געווען צו פֿאַרשטיין צוליב וואָס. פֿלייש גאָר גייט זי קויפֿן. ערשט נאָר וואָס דעם מיטאָג אָפּגעגעסן, און שוין ווײַטער הונגעריק?!... ס'האָט אים אָבער נישט געוווּנדערט; איר גאַנץ היינטיק אויפֿפֿירן זיך האָט זי צו דעם באַרעכטיקט.

און ער האָט דאָ געוואַרט, אַ מינוט, צוויי, פֿינעוו, — און העלקע האָט זיך נישט באַוויזן, פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דאָרטן. מיט עטלעכע לאַנגע שפּאַן איז ער צו צום פֿענצטער, און דורך אַ שמאָלער שפּאַרע גענומען אַרײַנקוקן אין געשעפֿט. אינווייניק איז אָבער געווען שטיל און טונקל, און חוץ דער פֿאַרקויפֿערן איז דאָרט מער קיינער נישט געווען. מיט אַ געוואַלט האָט ער גע-וואָלט אַהין אַרײַנלויפֿן אַ פֿרעג טון ווו העלקע איז אַהינגעקומען, אָבער אין דערזעלבער רגע האָט ער באַמערקט אין אַ ווינקל

פונם געשעפּט אַ רויט-ברענענדיק קאַנעצל, און אַ קליינע, טונקלע טיר. נאָכאַמאָל האָט ער זיך צו דעם צוגעקוקט, און דער סוד פון העלקעס פאַרשווונדן איז אים שוין געווען קלאָר: זי איז פּראָסט-פּשוט אַרויס דורך דער הינטער טיר אויף דער צווייטער גאַס. און כדי זיך צו איבערצייגן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי געווען, איז ער אַריין אין טויער, אין איין אָטעם אַדורכגעלאָפן דעם ברייטן הויף, און באַלד שוין געשטאַנען אויף אַן אַנדערער גאַס, צווישן אָנגעשטעלטע פערד און וועגענער, און הינטער אַ נייעם רעש.

נישטאָ העלקע?!

הייסט עס, אַז זי האָט געוווּסט, אַז ער גייט איר נאָך, געפילט מסתמא זיין בליק אויף אירע פּלייצעס, און דאַפאַר אים אַזוי מיאוס אָפּגעפּרייערט; אָפּגענאַרט אים אויפן אָריגינעלסטן אופן — ווי נאָך קיינמאָל. נישט געראָטן איז אים דער ערשטער אַרויספאָר, און דאַפאַר האָט אים דער דורכפאַל אַזוי ווי געטון. נאָך מער אָבער האָט אים געפּערעט, וואָס העלקע ווייסט פון זיין נאָכגיין איר, און שפּיאָנירן זי. פון איצט אָן וועט זי זיך שוין באַשטימט מער היטן, בעסער פּרווון פאַרווישן הינטער זיך אירע שליאַדעס, — און דאָס וועט אים אַ סך שטערן אין דערגרייכן זיין ציל. נאָר וויאַזוי ס'זאָל נישט זיין, און וואָס ס'זאָל נישט געשען, לייכט אונטערגעבן — וועט ער זיך נישט; גוטווילּיק רעזיגנירן — קיינמאָל! העלקע איז זיינע, פון תמיד אָן געווען זיינע, — און קעמפן צו דערהאַלטן זיין אייגנטום, וועט ער ביז צולעצט.

און דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. צוויי מענטשן האָבן אים געפירט צווישן זיך; צוויי מענטשן — ביידע גלייך איינגע-עקשנטע און פאַרביסענע. ער, דער איינאויגיקער האָט מיט פול כיטרעקייט און ראַפינירטער אויסגערעכנטקייט געהאַלטן אין איין פאַרלייגן אַרום העלקען אַ יעדער מאָל פרישע נעצן און זי, העלקע האָט מיט אַ יעדער מאָל אויסגעפונען אַ פריש מיטל וויאַזוי זיי אויסצומיידן, וויאַזוי אים נאָכאַמאָל אָפּנאַרן,

פֿאַרשטעלנדיק כסדר דעם וועג צווישן זיך און אים, ווי מיט אַן אומזעבאַרע וואַנט.

IV.

און אַזוי איז עס אַוועק איין טאָג נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן, אַלע צו זיך גלייך ענלעכע און אויסגעפּולטע מיט דעמזעלבן יאָגן און נישט דעריאָגן. דאָס יאָגן איז געווען אַ שטילס, אַ פֿאַרביסנס, ווי פֿון אַן אויסטערעסירטן, שפּיר־הונט, וואָס האַלט יענעמס שליאַד כסדר אין נאָז, און קאָן אים פֿאָרט נישט געפֿונען. דער ציל האָט זיך דערווייל מיט אַ יעדן פֿאַרגייענדיקן טאָג אַלץ מער דערווייטערט, אַלץ טונקלער געוואָרן, און צו אים דעם איינאויגיקן האָט זיך פֿאַוואָליטשקע געגומען אַריינגנבנען אַ פּחדנישער צווייפֿל צו דעם אָנגעגומענעם פּלאַן זיינעם וועט מעגלעך זיין מיט אייגענע כוחות אויסצופֿירן, און צו וועט אין אַלגעמיין זיך לאָזן לויט דעם עפּעס דע־גרייכן? ער האָט אין די אַלע פֿאַרגאַנגענע טעג, אין זיין גאַנצן עקשנותדיקן זוכן און אין אַלע העלקעס אויסדרייעניש געזוכט אַן ענטפֿער אויף דעם, און צולעצט געפֿונען — אַז נישט! הצלקע איז צו דורכגעטריבן זיך צו לאָזן פֿון אים כאַפּן, און נישט איינמאָל נאָך וועט זי אים לאָזן, הינטער זיך אַן אָפּגעגאַרטן, אַן אָנגעכמורטן, האָבנדיק אַליין פֿון דעם, אַ פֿול מויל מיט געלעכטער. וואָס־זשע בלייבט צו טון? אפשר אויסזוכן זיך עפּעס אַ פּריינט, אַ באַקאַנטן, וואָס זאָל אים קענען גוט באַראָטן און בייהילפֿיק זיין אים אין אויפֿדעקן העלקעס סוד?

און ער האָט אָנגעהויבן צו זוכן און צו נישטערן צווישן אַלע זיינע באָקענטע און באַקאַנטע, שעהנווייז זיך אומגעפֿירט מיט העלקעס פֿאַך־חברטעס, ביי אַ יעדע באַזונדער און אויף אַן אַנדערן אופֿן געפּרווט עפּעס אַרויסבאַקומען, עפּעס אויספֿאָרשן, נאָר די גאַנצע אַרבעט איז געווען אַן אומזיסטיקע; קיין קלאָרן

ענטפער האָט ער פון קיינעם נישט באַקומען. נאָר איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט ווען ער האָט זיך שוין אַ מידער און אַ געקרענקטער צוריק אַהיימגעקערט פונם נאָכמיטאָגדיקן געיעג, האָט ער האַרט ביים באַרג באַגעגנט עפעס אַן אויסגעפוצט מיידל, וואָס האָט צו אים פון הינטער די צוגעשוואָרצטע ברעמען אַפיר, אַזאַ פרעגנ-דיקן ווונק געטון, ווי צו איינעם, ביי וועלכן ס'לאָזט זיך עפעס פאַרדינען. ער אָבער האָט זיך אַפילו אויף איר נישט אומגעקוקט, נאָר מיט דעמזעלבן צעבראָכענעם גאַנג זיך געגאַנגען ווייטער. אין מיטן גיין אָבער איז ער פּלוצים שטיין געבליבן, דעם קאָפּ אויסגעדרייט צום מיידל און אַ פרעג געטון:

— קענסטו אפשר העלפן?

שווייגנדיק האָט זי אים אַ קורצע ווײַלע באַטראַכט, עטלעכע מאָל אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ, און דערנאָך גע-ענטפערט:

— וועלכע? די קליינע אפשר, וואָס קען אַזוי הויך שרייען? אָ, זי קען איך זייער גוט. מיר זענען פון איין גאַס.

— פון איין גאַס?!

אַ קוואַל פון פרייד האָט זיך פּלוצים אַן עפן געטון אין זיין ברוסט, מיט קראַפט געוואָלט פון דאָרטן צרויס, — און אַ שטראָם פון פראַגן איז ווי מיט אַ כלוסק געפאַלן אויפן מיידלס קאָפּ. זי אָבער האָט זיך נישט געאיילט מיט קיין ענטפער, נאָר שמייכלנדיק, ווי אַן אינטערעס זיך איינגעהערט אין זיינע רייד, און דערנאָך מיט אַ האַנט-באַוועגונג אים איבערגעריסן ס'רעדן, ווייזנדיק אויפן גאָענסטן שענק: — דאָרטן וועט זיך לאָזן אַ שמועס טון. ביי אַ גלעזל ביר רעדט זיך בעסער.

אין שענק האָבן זיי זיך פארשטיפט אין שטילסטן ווינקעלע. מיט די צוגעבראַכטע גלעזלעך ביר עטלעכע מאָל זיך צענויפ-געשלאָגן, — און ער האָט ווי אין פיבער זיך געדרייט אויפן בענקל, וואַרטנדיק אויף יענערס אַ וואָרט.

יענע אָבער האָט זיך ווייטער נישט געאיילט מיט קיין

ענטפער, נאָר גאַנץ פּאַוואָליע געצויגן פונם גלאָז, אויספאָרשנדיק דערווײַלע מיט די בליקן אַלע מיט-טרינקערס, צי ס׳געפינט זיך דאָ נישט עמעץ, בײַ וועלכן ס׳וועט זיך לאָזן עפּעס פאַרדינען. זעענדיק אָבער, ווי אַ יעדער איז נאָר פאַרטון אין זײַן גלאָז ביר, האָט זי די שמייכלענדיקע בליקן אירע צוריק אַרויפגעלייגט אויפן איינאויגיקן, אונטעררוקנדיק אים מיט דער פרייער האַנט ס׳גלאָז ביר.

— טרינק!

ער אָבער איז נישט געווען דורשטיק; נישט געגאַרט נאָכן קאַלטן געטראַנק, נאָר זײַן הייסן פאַרלאַנג געוואָלט לעשן מיט עפּעס אַנדערש; מיט עפּעס אַ גוטן ענטפער פון העלקעס חברטע, וואָס זאָל אים באַרויִקן, און צוהעלפן העלקען אויסגעפונען. און ער האָט געוואַרט. געוואַרט און זיך דענערווירט, און נישט פאַר־שטאַנען יענערס שווייגן און איר כסדרדיק ציען פונם גלעזל. אפשר בײַ איר אַוועקרייסן ס׳גלאָז פונם מויל און אַ שליידער טון עס אָן דער וואַנט, אַז ס׳זאָל אויף פּיק-פּיצלעך צעטראַסקעט ווערן? אָדער זי פאַרן גאָרגל אַ פּאַק טון, און פון דאָרטן ס׳גאַנצע אומזיסטיק אויסגעטרינקענע ביר אַרויסקיועטשן? — אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער שוין געוווסט, וויאַזוי אַזאַ איינער ס׳מויל צו עפענען, זי רעדן אויסלערנען. אַן אַנדערש מאָל וואָלט זי זיך נאָך אַזאַ באַגעגעניש פיר וואָכן אין שפּיטאָל אָפּגערוט. היינט אָבער טאָר ער גאָרנישט טון. היינט מוז ער וואַרטן און רויִק זײַן ווי אַ לעמעלע, כאָטש אין האַרצן פּלאַקערט אַ כעס ווי בײַ אַן אָנגערייצטן הונט. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך געפּרוווט צוריקהאַלטן פון עפּעס אַ באַרישקייט אָפּצוטון, אָבער דער כעס זײַנער איז שוין געווען שטאַרקער פון אים, נישט געוווסט מער פון קיין גרענעץ — נאָר הויך שוין געשריגן:

— און וואָס איז מיט העלקען?!

— מיט העלקען, וואָס-זשע זאָל מיט איר זײַן? דו ווייסט דאָך בעסער פון מיר! ביסט דאָך עפּעס איר חתן!

— איך? האָט ער מיט אַ האַרטער פויסט געקלאַפּט אין טיש, — איך בין שוין נישט מער איר חתן. העלקע האָט שוין אַן אַנדערן! אַ קאַכאַנעק האָט זי!...

— אַ קאַכאַנעק זאָגסטו, אַ קאַכאַנעק? און אַ געלעכטע־ האָט מיט איר פּלוצים אַ טרייסל געטון ווי אַ ווינט אַ לייכטע צווייג. — אַ קאַכאַנעק האָט זי. זי, דאָס קליינע פאַרבאַבטשעטע ווייבעלע? זי — און אַ קאַכאַנעק?! און פאַרמאַסקירנדיק איר פּנים מיט אַן אָנגעצויגענעם ערנסט, איז זי פּלוצים צוגעפאַלן צום איינאויגיקנס אויער, אים אַ סוד פאַר זיי ביידע — און פאַרן גאַנצן שענק: — זי האָט, איינאויגיקער, זי האָט! אַ יעדער נאַכט קומט ער צו איר, אַ יעדע נאַכט האַלט זי אים אויפן שויס, גלעט אים, פּיעשטשעט אים, רעדט צו אים זיסע רייד, און קאָרמעט אים; קאָרמעט אים מיט די פעטסטע שטיקער פלייש. און ער איז אַזאַ שיינטשיקער, אַזאַ קליינטשיקער, נאָר נעבעך אויף פיר פוס. אַ קאַכאַנעק — מיט פיר פוס.

און דער פריערדיקער, אָנגעצויגענער ערנסט אויפן פּנים האָט פּלוצים געפּלאַצט, געפּלאַצט און פאַרשוווּנדן, און דער צוריק באַפרייטער געלעכטער האָט זיך ווי אַ סטאַדע נישט גע־ צוימטע פערד פון איר אַרויסגעריסן, ווילד זיך אַ לאָז געטון איבער אַלעמנס קעפּ, ביי אַ יעדן ס׳גלאָז פונם מויל אַוועקגעריסן און געצווינגען צו לאַכן, צו לאַכן ביז צו צעשפּרונגען: — הערט מענטשן, הערט! אַ קאַכאַנעק האָט זי! אַ „קאַכאַנעק״ מיט פיר פוס.

און דער געלעכטער איז געלאָפן, געלאָפן און געשפּרונגען איבער די אַלע אויסגעשטעלטע פלעשער, הויך געקלינגען אין די ליידיקע גלעזער, ביים פלאַטפוסיקן שענקער טרערן פון די קליינע אויגן אַרויסגעקוועטשט, און מיטן גאַנצן עולם זיך געשפּילט, ווי מיט גומענע באַלן. אַלץ האָט געלאַכט, אומאויפהערלעך געשריגן, אָן רחמנות חוזק געמאַכט, און זיך געוויצלט אויפן איינאויגיקנס אַדרעס.

און ער, דער איינאויגיקער איז אַ דערנידעריקטער געזעסן אויפן בענקל, מיט אויסגעבאַלושעטע אויגן געקוקט אַרום זיך, און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס קומט אַזוי. אפשר זיך אויפהויבן פונם אָרט, אויף אַלעמען אַ שפּיי טון, און אַנטלויפן פון די צעקרימטע מיט געלעכטער זיך שטיקנדיקע פּיסקעס, אָדער מאַכן זיי דאָ אַ וויסטע אַוואַנטורע, אַז מ׳זאָל אים האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן? ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון. און דערווײַלע האָט אַ יעדער מאָל אַ פרישע כוואַליע געלעכטער זיך איבער אים אַריבערגעשווענקט, אַראָפּדרוקנדיק אים דעם קאָפּ מיט איר שווערקייט אַ יעדער מאָל מער און מער. — אַזוי אָפּ-חוזקן!... אַזוי אָפּחוזקן!... ער האָט זיך ראַפּטעם אויפגעהויבן, פאַר אויפרעגונג איבערגעקערט ס׳בענקל און אַרויס פונדאַנען ווי פון אַ שרפה. ער האָט געפּרוּווט אַנטלויפן פונדאַנען, ווייט ערגעץ-ווו אַוועק. אָבער דער הילכיקער געלעכטער פון די אין שענק איז אים ווי דאָס בילן פון אַ מחנה הינט נאָכגעלאָפן און זיך מיט אים געררייצט: ביזט אַ פּרייער, איינאויגיקער! ביזט אַ פּרייער!... אַ פּרייער? ווער ער? אַ ניין! ער וועט איר שוין ווייזן, דער קורווע, וואָס ס׳הייסט פון אים אָפּחוזקן, אים צום נאַר צו מאַכן. און אַ דורשטיקער נאָך נקמה האָט ער זיך אַנידערגעשטעלט הינטער דער צוגעמאַכטער שענק-טיר, וואַרטנדיק ווי אַ רוצח אויף זיין קרבן.

און דאָסמאָל האָט אים ס׳גליק זיינס גראָד נישט פאַרלאָזט. דאָס מיידל, אויף וועלכער ער האָט מיט אַזויפיל אומגעדולד געוואַרט, האָט זיך באַלד באַוויזן אויף דער שוועל, אַ קורצע ווײַלע ווי עפּעס אַרום זיך געזוכט און דערנאָך שוין געוואָלט אַדורכשפּרייזן דעם שטראָז. האָט ער זיך אָבער פּלוצים ווי אַ וואַנט פאַר איר געשטעלט, און מיט אַ ברוטאַלן ריס זי צוגע-שלעפּט צו זיך.

— הער נאָר דו! וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַסקודזשווע געווען, וואָס האָסט דאָרטן אויסגעפּלוידערט? וואָס זאָל דאָס הייסן? שפּאַס

צו טרייבן זוכט מ׳זיך זיינס גלייכן, די קורווע, איינע! און זיין אויפרעגונג האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט: פון מיר חוזק מאַכן, מיך אָפּנאַרן, מיך!... מיך!...

זי האָט מיט אַמאָל דערפילט ווי זיינע דאַרע פינגער וויקלען זיך שטאַרקער אַרום איר אָרעם, און קוועטשן אים, און דרוקן, ווי צום איבערברעכן. דער שוים אויף זיינע ליפּן-ווינקלען האָט אַ שרעק פאַרזייעט אין אירע באַוועגונגען, אַז זי איז אפילו נישט אימשטאַנד געווען זיך אַ ריר צו טון. נאָר דער מוח אַליין האָט נאָך געאַרבעט, און שנעל מיט היץ געזוכט עפּעס אַ מיטל יענעם צו באַרויקן.

— דיך אָפּנאַרן — פאַרוואָס? פאַר וואָס פון דיר חוזק מאַכן? ס׳איז נישט געווען קיין שום פלוידערייען!... און זי האָט גענומען אים דערציילן אַלץ וואָס זי ווייסט וועגן העלקען. אַלץ וויאַזוי יענע האָט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירן מיט אירע געסט, זוכט זיי נישט מער, רופט זיי נישט מער, וואַרט נישט מער אויף זייער באַגעגעניש, נאָר אַ יעדע נאַכט קומט זי שוין אַן אויסגעפּוצטע, אַ צופרידענע, מיט אַ גליקלעך פּנים, גלייך ווי דער הויפּט-טרעפער וואָלט געווען אירער, און מיט אַ פולן בייטל עסן אין האַנט וואַרט זי אַזאַ שטילע און שיינענדיקע אויפן באַווייזן זיך פון איר טייערן פריינט. — און ווייסטו ווער איר פריינט איז? ווען זי גיט אַוועק איר גאַנץ פאַרדינסט, און ווער ס׳עסט אַ יעדע נאַכט פון איר האַנט? ווייסטו ווער דאָס איז? — אַ קאַץ! אַ פּראָסטע, פיר-פוסיקע קאַץ!...

— וואָ-עס? און די לאָמפּן פון דער גאַס האָבן זיך פּלוצים פאַר אים גענומען וואַקלען, באַלד אַהער, באַלד אַהין, דאָ אַרויף דאָ אַראָפּ, און דערנאָך זיך שוין געדרייט אין אַ ראָד גיך-גיך, גלייך אַ צעבאַלעוועטע חברה וואָלט זיך מיט אַמאָל אין מיטן גאַס צעטאַנצט מיט ברענענדיקע שטורקאַצן אין די הענט. אַ קאַץ האָסטו געזאָגט? אַ פּראָסטע פיר-פוסיקע קאַץ? — און איצט האָט ער שוין געוווּסט אויף געוויס, אַז העלקע איז געוואָרן משוגע.

V.

אין דער היים זיצנדיק אויף זײַן קרעכצנדיקן בעטל האָט ער, דער אײנאויגיקער נאָכאַמאָל געפּרוּווט אַדורכלעבן דאָס אַלץ, וואָס מ'האָט אים וועגן העלקען דערציילט. דאָס געוואָלט צענויפהעפטן מיט איר באַנעמען זיך אין דער היים, כדי דערנאָך צו קענען פעסטשטעלן, צי איז זי טאַקע אויף אַן אמת משוגע געוואָרן, אָדער ס'האָט עמעץ איר כשוף אָפּגעטון. מיט אָנשטרענגונג האָט ער גענומען גרייכן אין זײַן זכרון נאָך געשעענישן, פאַקטן, וועלכע זאָלן אים קענען געבן אַ גרונט צו באַהויפּטן, אַז העלקעס משוגעת איז אַ ריכטיקע, נישט קיין אָנשטעלערשע. אים איז עס אָבער נישט מעגלעך געווען צו טון, ווײַל די געדאַנקען זענען אים ווי ערגעץ אַהינגעקומען און דער קאָפּ האָט געפּלאָקערט און געהיצט גלײַך אַ צעגליטער קעסל, וואָס האָט שוין אַלץ פאַרבערנט. מיט די הענט האָט ער אים געפּרוּווט אײַנשטילן. מיט די דאַרע פינגער זײַנע אים שטאַרק ווי מיט אַ רײַף אַרומגענומען, און גלײַך אַ קראַנקער, וואָס וויל כאָטש אויף אַ קורצע ווײַל אָן זײַנע יסורים פאַרגעסן, האָט ער זיך פלוצים גענומען אײַנהערן אין די לעבעדיקע אויסגעשרייען, און אין די פריילעכע געזאַנגען, וועלכע האָבן זיך צו אים מיט אַזוי פיל פרישקייט און יוגנטלעכן ברען פונם באַרג געטראָגן, מײַנענדיק זיך ביי דעם ס'געמיט אַביסל לײַכטער צו מאַכן. כאָטש אויף איין מינוט, אַ קליינטשיקע מינוט נאָר, האָט ער זיך געוואָלט צענויפהעפטן מיט יענער לוסטיקער און אַזוי זאָרגלאָזער חברה, ביי זייער לעבעדיקייט פאַרשוכרט צו ווערן, און פאַרגעסן, פאַרגעסן אָן זיך, אָן אַ יעדן און אָן אַלעמען.

פאַרגעסן — דאָס איז איצט געווען זײַן אײנציקער באַגער, זײַן אײנציקער פאַרלאַנג. און כאָטש דער פאַרלאַנג איז נישט געווען אַזאַ גרויסער און אומדערגרײכבאַרער, פונדעסטוועגן איז עס אים נישט מעגלעך געווען צו פאַרווירקלעכן. ווײַל די ווירקלעכקייט, די לעבעדיקע, וואָס ער האָט אויף זיך פון דער גאַס

מיטגעברענגט, האָט זיך שטיל ווי אַ שאָטן פון זיין פּלייצע אַראָפּ געשלייכט, און נאָך שטילער פּאַר זיינע פוס געלייגט. — און וואָס-זשע וועט זיין ווייטער? וואָס וועט זיין מאָרגן, איבערמאָרגן, אַלע טעג? אפשר אַ בעטלער ווערן? בעטלען גיין... בעטלען?!...

די ווערטער האָבן זיך פּלוצים איבערגעטון, לעבעדיק געוואָרן, געשטאַלטן באַקומען און אים, דעם אײנאויגיקן אַ בילד געוויזן, אַ בילד פון זיין נאָענסטער צוקונפט. — בעטלען! ער האָט זיך אָבער פאַר דעם נישט מער דערשראָקן, נישט אויפגעציטערט ביי דעם וואָרט ווי אמאָל, נאָר מיט טעמפּער רעזיגנאַציע געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ, ווי עמעץ וואָס ווייזט, אַז ס׳איז שוין אַלץ פאַרפאַלן; אַלץ אָן אַ שום רעטונג. און שאָקלנדיק אַזוי מיטן קאָפּ, האָט זיך זיין בליק מיט אַמאָל אָנגעשטויסן אָנעם אייזערנעם שטעקן, וואָס איז ווי אַן איבעריקער שוין אַ סך יאָרן געשטאַנען אין ווינקל-שטוב, און ביי יענעמס שוואַכן אָפּשיין מיט אַמאָל אַ בילד דערזען. אַ בילד אַזאַ מין באַקאַנטס פון איינעמס אַ ביינערדיק איינאויגיק פּנים מיט פאַרקרומטע, פול-יסורימדיקע-ליפּן. פונם מויל האָבן פּלוצים גענומען פאַלן ווערטער, איינציקע, שאַרפע, אָפּגעהאַקטע, ווי הילכיקע קלעפּ אויף נאַקעטן לייב. — ס׳איז נאָך גאָרנישט פאַרפאַלן — דו נאַר איינער! ס׳איז נאָך גאָר-נישט געשען! — העלקע איז משוגע געוואָרן — ס׳אַ ליגן! אַזאַ משוגעת דאַרפן איר פונם קאָפּ אַרויסשלאָגן! שלאָגן!... שלאָגן!...

מיט פרייד האָט ער זיך אָן דעם אַלעמען איינגעהערט, מיט פול דאַנקבאַרקייט אויפגעכאַפּט אַ יעדעס וואָרט באַזונדער, זיך געצאַצקעט מיט זיי, געשפּילט מיט זיי ווי אַ קליין קינד מיט שיינע שפּילעכער, און דערנאָך זיי ווי אַ הייליקייט גלייך פאַרגנט אין זכרון באַהאַלטן, כדי תמיד אָן זיי צו געדענקען.

ווו איז מיט אַמאָל אַהינגעקומען די נאַקעטע ווירקלעכקייט? ווו איז זי די, וואָס האָט מיט איר טרויריקייט אים אַזוי אומ-רחמנותדיק געפּייניקט, און די צוקונפט איז ווי איין גרויסע ווייטיקפולע וווּנד פאַרגעשטעלט? און ס׳צעבראָכנקייט אין פּלייצע,

ווּ איז אַהינגעקומען? און ס'מידקייט אין די הענט? — נישטאָ מער, נישטאָ! ס'לייב ביי אים איז צוריק שטאַרק געוואָרן, און עלאַסטיש, און דער שטעקן אין דער האַנט — גיט צו כוח און שוּך. — מירן זיי ווייזן! מירן זיי ווייזן!... שטאַרק און מיט דאַנק־באַרקייט דרוקט ער צו זיך ס'קאַלטע, אייזערנע הענטל, און ס'האַרץ קלאַפּט גיכער, העכער אָנגעפּולט מיט עפּעס אַזאַ מין מאָדנער געטריישאַפט, און צוגעבונדנקייט צום נייעם, אייזערנעם חבר, וואָס פאַרלאָזט נישט אין אַ שלעכטער צייט.

VI.

שטיל איז אין דער טונקלקייט געלעגן ס'קליינע מילע־געסל, שטיל — און ווי פאַרגעסן. דער רעשט פונם טאָג איז שוין אַ מידער, אַן אָפּגעהאָרוועטער געלעגן ביי די האַלב פאַרמאַכטע געוועלבער, און דער — פון דער נאַכט — איז נאָך געשטאַנען ערגעץ־ווו פאַרשטעלט ווי וואַרטנדיק אויפן סיגנאַל פונם געלן האָטעל־לאָמפּ, אַז דער וועג איז פריי.

עטלעכע מאָל האָט ער, דער איינאויגיקער אַדורכגעמאָסטן ס'געסל אין דער לענג און אין דער ברייט, אַ פּאָר מאָל געבליבן שטיין אויף די ראָגן, און זעענדיק, ווי קיינער באַווייזט זיך נישט, אַוועק אין נאָענסטן שענק, כדי דאָרטן ביי אַ גלעזל ביר איבער־צוּוואַרטן ביז די גאַסן וועלן ווערן ליידיק, און ס'מילע־געסל — פוּל.

ס'איז אָבער נישט אַזאַ לייכטע זאַך צו זיצן אין איין שענק ביי איין גלעזל ביר עטלעכע שעה. ס'איז אַפילו גענוג נודנע צו קוקן אַ יעדער מאָל אויפן קיילעכדיקן, פאַרשטויבטן וואַנט־זייגער, וועמענס ווייזערס שלעפּן זיך אַזוי שווער און פאַ־וואָלע ווי די שפּאַן פון אַן אַלטן מענש. און דאַפאַר איז ער באַלד פון דאָרט אַוועק צו אַ צווייטן שענק, וועלנדיק מיט דעם אַביסל פאַרקורצן די צייט פונם וואַרטן. דאָרטן אָבער האָט ער

שוין געטראָפן עטלעכע גוטע ברודער, און ווי ס'פירט זיך, מיט אַ יעדן באַזונדער געמוזט אויסטרינקען „צום געזונט", בטרנדיק דאָ לעבן זיי די לעצטע פאָר גראָשן. און אַזוי טרינקנדיק האָט ער ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרגעסן נאָך וואָס ער איז היינט אַרויס אין גאַס, און ערשט די פראַגע פון איינעם, צוליב וואָס ער שלעפט מיט זיך דעם אייזערנעם שטעקן, האָט אים מיט אַמאָל דערמאַנט, אַז דער פאַרלאַנג זיינער איז געווען נישט זיך אָנצוזוכן, נישט אַ הוליע טון מיט גוטע ברודער, נאָר העלקען אויסצוזוכן; זי אויסגעפונען, און מיט איר אַן אמתן שמועס טון. און דאַפאַר האָט ער זיך מער נישט געלאָזט פאַרהאַלטן פון די חברים, נישט זיך אַפילו מיט זיי געזעגנט, נאָר מיטן נאָענסטן וועג געלאָפן אין דער ריכטונג פונם מילע-געסל, מורא האָבנדיק פאַר אַ פאַרשפעטיקונג. די מורא אָבער ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן איז געווען אַ גאַנץ אומזיסטיקע. ווייל נאָך איידער ער איז אַריין אין געסל, האָט ער שוין פון דערווייטנס באַמערקט, ווי ביים ליכט פונם געלן האָטעל-לאָמפ שטייט עפעס אַ קליינע גרופע מענטשן שטיל און אומבאַוועגלעך — אָ! דאָרטן איז עס! און שטיל ווי אַ שאָטן כמעט אַ צוגעקלעפטער צו דער וואַנט האָט ער זיך געהאַלטן אין איין ריקן פאָרויס, זוכנדיק דערווײַלע מיטן פיבערדיקן בליק זיינעם עפעס אַן עפענונג אין דער גרופע, ווירמעט צו קענען אַ קוק טון וואָס ס'קומט אינווייניק פאָר.

און ער האָט געזעצן.

אויפן ראַנד פינם טראָטואַר, וואָס איז פונקט אַקעגנאיבער דעם האָטעל, איז געזעסן העלקע און מיט אַ פולער האַנט אָנגעשניטענע שטיקלעך פלייש געהאָדעוועט עפעס אַ קליינע שוואַרץ-געפלעקטע קאַץ. די קאַץ איז געשטאַנען מיט די פעדערשטע פיסלעך אָנגעשפאַרט אָן העלקעס קניעס, און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפ נאָך אַ יעדן שלינג אַ שטילן מיאַוקע געטון: געב נאָך! געב נאָך! און העלקע האָט איר נישט געזשאַלעוועט, נישט געזאָגט גענוג, נאָר פונם פאַפירענעם בייטל איר דערלאַנגט

אַ יעדער מאָל פרישע שטיקלעך פלייש, און די מיידלעך אַרום איר האָבן אויף דעם שווייגנדיק געקוקט, און געגאַפט פון דער הייסער ליבע צווישן העלקען אין דער קאַץ. אויך ער, דער איינאויגיקער האָט אויף דעם אַלעמען געקוקט. אויך ער האָט געגאַפט, אָבער נישט פון דער ליבע צווישן זיי, נאָר פון דעם אומדערהערטן געשעעניש, אַז אַ פּראָסטע נאַרישע קאַץ זאָל קענען איבעררייסן דעם פאָדעם, וואָס האָט אים מיט העלקען אַזויפיל יאָרן צענויפגעבונדן, און ווערן זיין געפערלעכסטער קאָנקורענט. אים דעם וועג פאַרלויפן, אים העלקען אָפּשלאָגן. — און ער וועט דאָס שווייגן? און דער אייזערנער שטעקן האָט מיט אַ געבייזער אַ קלאַפּ געטון: ניין!

אַ דראָזש פון שרעק האָט זיך פלוצים אַ קייקל געטון איבער די אָנגעבויגענע מיידלערישע קעפּ. דאָס ראָד אַרום העל־קען האָט זיך מיט אַמאָל אַ שאָקל געטון, אַ דריי געטון דאָ אַהער דאָ אַהין, און באַלד זיך צעפאַלן ווי אַ לויז געוואָרן, אָנרייפנדיק פאַס. מיט זייער פאַרשפּיצטן געפיל פון היטן זיך, האָבן די מיידלעך פאַרשטאַנען, אַז פון דעם נישט דערוואַרטעטן באַגעגעניש צווישן איינאויגיקן מיט העלקען וועט באַשטימט עפּעס שלעכטס אַרויס, אַז אין געסל דאָ וועט נאָך היינט עפּעס געשען, — און דאַפאַר זיך גיך פון דאַנען אָפּגעטראָגן, אַוועק אין אַ בהלה ווי אַ סטאַדע צעפלאָשעטע גענדז.

די לעצטע גרענעץ צווישן די צוויי קעגנער איז געפאַלן; דער וועג איז געוואָרן פריי. פריי איז געוואָרן דער וועג, פריי און ווי אָנגעגרייט צום באַלדיקן אָנגרייפן; צו לעצטער אָפּ־רעכנונג.

מיט עטלעכע פאַמעלעכע שווער־טרעטנדיקע טריט, האָט ער זיך דערנענטערט צו העלקען, האַלטנדיק זי די גאַנצע צייט גע־פאַנגען אין זיין בליק. זיין גאַנצער קערפּער פון אויבן ביז אַראָפּ איז געווען ווי אָנגעפולט מיט ברען מאַטעריאַל, גרייט אויפצו־רייסן פונם קלענסטן פונק. און דער פונק האָט אויף זיך לאַנג

נישט געלאָזט וואַרטן. געקומען גיך, אומפּאַרהאָפּט, אין דער פאָרם פון אַ שטילן קעצישן „מיאַו" צו העלקען: געב נאָך! ער, דער איינאַויג׳קער האָט מיט אַמאָל אויפגעציטערט. דער כעס האָט אים האַסטיק אַ שלאָג געטון אין קאָפּ, באַפעלעריש גענומען איבער אים הערשן, און היץ, בייזע היץ אים געגאָסן אין די אָדערן. — אָט דאָס איז העלקע! אָט ווער ... זי האָט אויסגעביטן פאַר דיר! אַ פאַרשיווע קאַץ האָדעוועט זי און קאָרמעט מיט פעטע שטיקער פלייש, און דיר זשאַלעוועט זי אַ שטיקל ברויט. אויף קיין ציגאַר טיטון וויל זי דיר נישט געבן, פאַרהונגערן דיך לאָזן, — און צוליב וועמען?... דער פוס זיינער האָט פלוצים מיט פול רוגזה אַ שטויס געטון דעם בייטל פלייש, און אַ קול, אַ מרוק ווי פון אַ רויב-חיה האָט איבערן געסל אַ הילך געטון:

— גענוג!

און דער שטעקן האָט שוין מיט גרימצאָרן געקלאַפּט אָנעם טראָטואַר: — דערהרגענען וועל איך! אויף טויט דערהרגענען וועל איך! אויף טויט!... און מיט אַ שווישטש זיך אַ הויב געטון אין דער הויך, ס׳געזאָגטע שוין אויסצופירן.

די קאַץ אָבער, האָט ווי ס׳ווייזט אויס, דערפילט די גע-פאַר, וואָס שוועבט איבער איר קאָפּ, און דערהערנדיק דעם רוף פון איר בלוט — אַנטלויף! שנעל אָנגעשפּאַנט די מוסקולן, איינ-געצויגן אין זיך דעם קאָפּ. און מיט איין שפּרונג ווי פון אַ בויגן אַן אַרויסגעשאָסענע, אַוועק פון דאַנען אַריינפאַלנדיק גלייך אין די אָפענע אָרעמס פון דער פינצטערער נאַכט.

און דער שטעקן, שוין איינמאָל אַן אויפגעהויבענער און אָנגעגרייטער צום שלאָגן און דערשלאָגן, האָט שוין נישט געוווּסט פון קיין אָפּהאַלט, פון צוריקגיין, נאָר מיט כּוח געפאַלן אַראָפּ. דעם אָנגעגרייטן קרבן האָט ער אָבער שוין נישט מער געטראָפן. ער האָט זיך נאָר צעגויפגעשלאָגן מיטן ליידיקן טראָטואַר, און אין יענעמס האַרטקייט מיט אַמאָל דערפילט זיין מיאוסן דורכפאַל.

פֿאַר ווייטיק האָט זיין אייזערן האַרץ אַ לעצטן קריץ געטון, און פֿאַר בושה באַלד צוריק פֿאַרשטומט געוואָרן.

אין געסל איז צוריק געוואָרן שטיל, נאָך שטילער ווי פֿריער. ביידע, סיי דער איינאויגיקער און סיי העלקע זענען אויף זייערע ערטער ווי פֿאַרגליווערטע געבליבן, אָן לעבן, ווי פֿיגורן פֿון שטיין אויסגעהאַקטע. אויסערלעך זענען זיי ביידע געווען — טויט. אָבער נאָר אויסערלעך. אינערווייניק האָט עס ביי אַ יעדן פֿון זיי געברענט און געקאָכט ווי אין אַ ווולקען פֿאַרן אויסברוך. ער, דער איינאויגיקער איז געווען אויפֿגעבראַכט און בייז אויף זיך אַליין, פֿאַרן צו שנעלן נישט איבערלייגטן אָנגרייפֿן און מיאוסן דורכפֿאַל, און זי, העלקע — אויף דעם אומגעבעטענעם גאַסט און אומגעריכטן שטערער.

— מיט וועלכן רעכט האָט ער עס געטון? ווי אַ געביסענע איז זי, העלקע פֿון איר אָרט אויפֿגעשפּרונגען, און פֿון איר אינערלעכקייט האָט צום מויל, ווי צו אַ קראַטער גענומען שטראָמען אַ צעגליטע לאַווע פֿון ווילדע געשרייען, ברענענדיקע קללות און שאַרפֿע ווי פֿאַרשפּיצטע שטיינער — זידל-ווערטער. מיט וועלכן רעכט? — האָט זי הויך געוואָלט אַ געשריי טון; אַ געשריי, פֿון וועלכן ס׳גאַנצע געסל זאָל אויפֿציטערן, — אָבער דער ווילן דאָס צו טון איז ביי איר פּלוצים דערשטיקט געוואָרן. ווייל ווי צוויי טויט ברענענדיקע שפּאַדעס האָבן זיך זייערע בליקן מיט אַמאָל אַ קרייץ געטון, — און אַ מאָדנע קייט פֿון פֿראַגן האָט זיך פֿאַר העלקעס אויגן גענומען אויפֿוויקלען. — ווער איז ער, אָט דער מיטן לאַנגן פּנים, מיט די שפּיציקע קינבאַקן, און רויטן, מיט בלוט פֿאַרלאָפֿענעם איינציקן אויג? צוליב וואָס איז ער אַהער געקומען מיטן אייזערנעם שטעקן, און וואָס וויל ער פֿון איר? איז ער אפֿשר איר פֿאָטער, איר ברודער, אָדער גאָר איר מאַן? זי ווייסט, אַז ס׳איז קיינער פֿון זיי, נאָר ווער־זשע דען איז ער פֿאָרט? ס׳איז איר שווער זיך צו דערמאַנען פֿונוואַנען ער האָט זיך צו איר גענומען, ווען ער איז צו איר געקומען, און וואָס

איז געווען זיין טון, ווינענדיק מיט איר אַזאַ לאַנגע צייט הינ־טער איין דאַך. אַ יעדן טאָג האָבן זיי זיך געזען, ביי איין טיש געזעסן. אַ יעדן פאַרטאָג האָט זי אים דין־וחשבונס אָפּגעגעבן, אויסדערציילט אים אַלע לעצטע געשעענישן און פּליאָטקעס פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, און קיינמאָל איז איר נישט איינגעפאַלן אַ קלער צו טון, ווענען און צוליב וואָס זי דערציילט דאָס אַלץ; און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער צו איר. ווער־זשע דען איז ער דער, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט געטון, מיט אַרבעט זיך תמיד געשעמט און פון פאַרהאָרוועטע מענטשן מיט חוזק גערעדט? אַלץ תמיד נאָר געטון צוליב זיך אַליין. געזען וואָס מער זיך צופרידן צושטעלן, וואָס בעסער צו זיין פאַרזיכערט קעגן נויט און אָרעמ־קייט, און וואָס שענער צו קענען לעבן אומגעאַרבעט.

אים האָבן קיינמאָל נישט געאַרט די פּראָסטיקע נעכט וואָס פלעגן זיך מיט זייער שטעכיקער שטייפקייט אויף איר העלקעס פלייצע לייגן, און האַקן דאָרטן און ברעכן, ווי מיט אייז־קאַלטע העק. און דאָס סאַדיסטישע קנייפּן זי און באַשפּייען פון שיכורע געסט — דאָס האָט ער אויך קיינמאָל נישט געפילט פאַר אים איז געווען געגוג, ווען ער פלעגט איר אין טונקלע פרימאָרגנס העלפן אויסטון די קליידער, און מיט אַ פאַר חניפה ווערטלעך ווי מיט אַ מאַגנעס פון איר דערוויילע ס׳נאַכטיקע פאַרדינסט אַרויסציען, אירע שווער פאַרהאָרוועטע פאַרדינסטן.

ווער־זשע איז ער פאַרט, ווער?

זי, העלקע דאַרף שוין איצט קיין סך נישט קלערן, כדי צו וויסן, ווער ער איז. זי ווייסט: ס׳איז אַ שפּין! אַן עקלדיקע, לאַנגפיסיקע שפּין, וואָס איז אַמאָל אַרויס פון איר טונקלען לאָך און אַ בלוט־דורשטיקע זיך פאַרזעצט אויף אירע, העלקעס אַקסל, כדי פון דאָרטן צו זויגן און נאָגן, ווי ס׳קען נאָר אַ שפּין. און יאָרן־לאַנג האָט זי העלקע מיט זיך אַרומגעטראָגן, אומעטום מיט איר געווען און ביי איר גאַנצער קלוגשאַפט און ראַפינירט־קייט, קיינמאָל נישט געפילט, אַז אירע פאַרדינסטן טיילט זי מיט

אַ פּרעמדן, מיט אַ שפּין, װעלכע מ׳האָט שױן פון לאַנג געװאָרן באַדאַרפט פון זיך אַראָפּװאַרפן און צעטרעטן, צעטרעטן מיט די פוס, װי מ׳צעטרעט נאָר אַ שפּין.

צעטרעטן! — ברױזט אין איר הײס ס׳בלוט. צעטרעטן! — בײלן זיך אירע קלײנע פױסטן. צעטרעטן דעם אינטרוז װאָס האָט מיט חוצפּה און אומגעפרעגט זיך אַרײנגעריסן צו איר. דעם, װאָס לעבט אױף איר חשבון, און װיל נאָך מיט אַן אײזערנער פױסט זי האַלטן אין צױם. און אין איר מוח װערט מיט אַמאָל געבױרן אַ װאָרט, אַ װאָרט אַ פלאַמענדיקס אין זײן אָנהױב, און אַ שרעקלעכעס אין זײן סוף: נקמה! נקמה פאַר די אַלע דער־נידערונגען; פאַר די אַלע פּראָסטיקע און רעגנדיקע נעכט, און פאַר די פאַרשלאָפענע ליכטיקע טעג. פאַרן שטענדיקן אױסגע־מוטשעטן שמײכלען צו אַ יעדן שיכורן פאַרבײגײער און פאַרן שטענדיקן אַלײנזײן. אַלײן — אָן אַ לעבעדיקן פרײנט. נקמה!... און דער אײזערנער שטעקן, װאָס איז ביז איצט געװען אַ פּעס־טער אָנשפּאַר פונם אײנאױגיקן, זײן קװאַל פון כּוח און ענערגיע, האָט זיך פּלוצים װי אַן איבערלױפער געפונען אין העלקעס זײט, און אינאײנעם מיט איר זיך שױן געריסן קעגן זײן פריערדיקן פרײנט, װי צו אַ שונא...

— זעסט יענעמס אױג, דאָס קײלעכדיקע מיט בלוט פאַר־לאָפענע סאָװישע אױג, — פאַרמאַך עס! פאַרמאַך עס אױף תּמיד, אױף אײביק. זאָל עס נישט מער זען די לעבעטיקײט פון דער זון, נישט װיסן װאָס ס׳הײסט טאָג, און אין פינצטערניש זאָל עס לעבן, אין שװאַרצער נאַכט זײן ביז צו דער לעצטער מינוט.

און דער שטעקן האָט פונקט װי פריער מיט אַ קלאַפּ זיך אָפּגעריסן פון דער ערד, און מיט כּעס זיך אַ הױב געטאָן אין דער הױך, צילנדיק גלײך אין אײנאױגיקנס אײנציקן אױג. און דער קלאַפּ, די פאַרקערפּערונג פון אױסגעלאָדענעם צאָרן װאָלט זיכער געװען געראָט אױפן אָנגעצײכנטן אָרט, װען נישט דער שטילער קרעכץ, װאָס האָט פּלוצים אין יענעם עק געסל אַ ציטער

געטון, און ווי דער וויינענדיקער רוף פון אַן אַליין איבערגעלאָ-
זענעם קינד אין העלקעס אויערן זיך אָנגעשלאָגן. זי, העלקע
האָט אין דערזעלבער רגע אַן אַלעמען פאַרגעסן. דער כעס, וואָס
האָט פריער געבראַוזט אין איר בלוט איז ערגעץ־ווו אַהינגעקומען,
די גלידער אירע זענען צוריק ווייך געוואָרן, און די אויגן, פאַר-
געסנדיק אָן זייער פריערדיקן האַס, האָבן שוין גאַנץ זאַנפטע און
פאַרבענקטע גענומען זוכן אין דער פינצטערניש עפּעס, וואָס
עמעץ האָט מיט געוואַלט ביי איר פריער צוגענומען.

ביי העלקען האָט זיך אַלץ מיט אַמאָל געענדערט. אַלץ
נאָר נישט דער אייזערנער שטעקן אין איר האַנט. ער איז נאָך
אַלץ געווען דערזעלבער, א בייזער אַ האַרטער, גרייט די איינ-
מאָל אויף זיך גענומענע שליחות אויסצופירן, וואַרטנדיק ווי מיט
אומגעדולד אויף דער פרייעדיקער מינוט פון — שלאָגן. העלקע
אָבער האָט אים מער נישט פאַרשטאַנען; פאַרגעסן צוליב וואָס זי
האָלט אים לעבן זיך, נישט ווי סנדיק מער וואָס מיט אים צו טון.
זיין איבעריקייט האָט איר די האַנט שווער געמאַכט, און ווי אַן
עקלדיק צוטשעפּעניש האָט זי אים מיט אַ וויטן בויגן פון זיך
אַוועקגעשליידערט.

דער קלאַנג פונם פאַלנדיקן שטעקן האָט דעם איינאויגיקן
פון זיין פאַרגליווערטקייט אויפגעוועקט, אים געזאָגט, אַז די גע-
פאַר איז שוין אַוועק, און אַז ס׳ביסל שרעק איז געווען אומזיסט.
— אָ דאָס וועט איר נישט געשענקט ווערן, — און הינטערוויילעכץ
דערוויילע מיט פאַוואָלע טריט האָט ער זיך פון איר אַוועקגעריקט
צום אַנטקעגנאיבערדיקן טראָטואַר. דאָרטן האָט ער אויפגעהויבן
דעם אויף דער ערד ליגנדיקן שטעקן, און פאָכנדיק מיט אים אין
דער הויך, צום לעצטן מאָל געדראָאט: — מירן זיך נאָך אָפּרעכנען,
דו קליינע בעסטיע, דו! מירן זיך נאָך אָפּרעכנען!

— מירן זיך נאָך אָפּרעכנען? — נאַרישקייטן! העלקע ווייסט,
אַז ס׳איז דאָס לעצטע בילן פון אַ געשלאָגענעם הונט. און דאַפאַר
האָבן יענעמס ווערטער, כאָטש אַזעלכע שאַרפע און דראָענדיקע

אויף איר קיין שום איינדרוק געמאַכט. זי האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט אַהינצו, צי יענער שטייט נאָך דאָרטן מיטן אויפגעהויבענעם שטעקן, צי נישט. פאַר איר האָט ער מער נישט עקזיסטירט. איר גאַנץ וועזן איז איצט געווען ווי געפּענטעט פון אַ גרויסער דערוואַרטונג, און אירע בליקן האָבן ווי צוויי שאַרפע בוירערס מיט קראַפט געעקבערט די פינצטערניש, זוכנדיק די צוויי גלאַנציקע אויגן פון איר קליינעם פריינט — די קאַץ. זי, העלקע איז געווען זיכער, אַז אָט באַלד וועט זיך צו אירע פוס לעששטען אַזאַ מין ווייכע וואַרעמקייט, און דער גענוס פון שטימער אומבעגרענצטער ליבע וועט זיך צוריק אָנהויבן ווי פריער, אויפסניי. און זי האָט געוואַרט, פאַרעקשנט געזוכט אין דער פינצטערניש, ווי אויף אַ דערלייזונג געהאָפט אויפן באַווייזן זיך פון די צוויי קליינע, גרינע פלעמעלעך, — און גאָרנישט געזען. די פינצטערניש איז ווי פריער געלעגן אַ שווערע, אַ געדעכטע, האַלטנדיק פעסט ס׳געסל אין קלעם פון שוואַרצער נאַכט.

און אַזוי זענען אַוועק עטלעכע שווערע, אָנגעשטרענגטע מינוטן. מינוטן, וואָס זענען נישט פאַרזינקען געוואָרן אין תהום־פון אַרומיקער פינצטערניש, נאָר זיך געלייגט אין העלקעס האַלדז איינע אויף דער אַנדערער און געשטיקט דאָרטן און געוואָרגן, ווי ביטערע פילן. — פאַרוואָס קומט זי נישט? פאַרוואָס באַווייזט זי זיך נישט? אפשר שרעקט זי ס׳אָרט פון שוועבנדיקער געפאַר און בלינדן אומקום?... און העלקע באַשליסט נישט מער צו וואַרטן דאָ אויף דעם אָרט, נאָר איר אַנטקעגנצוגיין. אין מיטן גיין אָבער, איז זי ראַפּטעם שטיין געבליבן, גלייך ווי פאַר אירע פוס וואָלט זיך פלוצים דער ראַנד פון אַן אָפּגרונט אויסגעשפּרייט. פונדערווייטנס האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט דערזעלבער רוף, ווי אַ שטילער פאַרקוועטשטער „אוי" לייכט איבערן געסל געשוועבט, און צו העלקעס אויערן געקומען שוין פון אַ גאַנץ אַנדערער זייט. זי האָט זיך מיט אַמאָל אויסגעדרייט, נישט געוואַרט מער אויפן באַווייזן זיך פונם ליכטיקן צייכן, נאָר מיט שטאַרקע

טריט געגאַנגען נאָכן קיל, וואָס האָט ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל מיט אַזויפיל שטילן געוויין אין אירע אויערן אָפּגעקלינגען.

און זי איז געגאַנגען אַ יעדער מאָל ווייטער און ווייטער, און אַזוי זיך געשלעפּט גאַס אויס, גאַס איין, איבער שוואַך באַלויכטענע פּלעצער, איבער קילע טונקלע גערטנער, און נאָך טונקלערע ווינקלען. פון אומעטום, פון אַ יעדן ראָג, פון אַ יעדן קעלער און פון אַ יעדער שפּאַרע האָט זיך געטראָגן צו איר דער פאַרבענקטער שטילער „אוי“, און ווען איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט-אָט איז עס שוין דאָ, איז פּלוצים ווי פון דער ערד אַרויס אַ גרינער גאַז-לאָמפּ און מיט זיין שוואַכן שיין אַ שעפּטשע געטון: נישטאָ! העלקע אָבער האָט זיך נישט אונטערגעגעבן, נישט פאַרצווייפלט געוואָרן, נאָר ווייטער געגאַנגען, ווייטער געזוכט ס'קול, וואָס האָט נאָך אַלץ מיט דעמזעלבן לשון געציטערט אין איר האַרץ, געציטערט און גערופן, און נישט אויסגעלאָשן געוואָרן.

VII.

פּאַוואָלע, אָן רעש ווי אויף ברייט צעשפּרייטע פליגל האָט זיך דערנענטערט דער פרימאָרגן, מיט לייכטן אָטעם אַראָפּגעבלאָזן פון די ווענט די נאַכטיקע פינצטערניש, שטיל זי אַרויסגעקערט פון אַלע ווינקלעך און פריי געמאַכט דעם וועג פאַרן פרישן טאָג. פאַסן גראָ ליכט, ווו-נישט-ווו נאָך פאַרנעפּלטע, האָבן זיך קילע צעלייגט אויף די שטאָקיקע הייזער, אַביסל טונקלערע אַראָפּגענידערט אין די אַרומיקע, שמאָלע גאַסן, רופנדיק אינאיינוועגס אין די פאַרשלאָפענע פענצטער: ס'איז טאָג.

מענטשן אויסגערוטע האָבן זיך גענומען איבערוועקן, מיט אַ ברייטן גענעץ געפרווט פון זיך פאַרטרייבן די לעצטע רעשטלעך שלאָף, און פענצטער פאַרמאַכטע האָבן זיך אָנגעהויבן

עפּענען איינס נאָכן אַנדערן, זוכנדיק פאַר דושנע היימען אַביסל פרישע לופט.

אומעטום האָט מען זיך גענומען גרייטן צום פרישן טאָג. אומעטום, אפילו אין קליינעם מילע געסל אויך. דאָ אָבער איז דאָס גרייטן זיך פאָרגעקומען אויף אַ גאַנץ אַנדערן שטייגער, און פּונקט פאַרקערט ווי ערגעץ אַנדערש. דער גרינער האָטעל זעענדיק דאָס צוהינקומען פון די נאַכטיקע שאָטנס אויף זיינע ווענט, און האָבנדיק שוין כמעט דעם פרימאָרגן אויף דער שוועל, האָט פּלוצים ווי אַ פלעדער-מויז מורא באַקומען פאַרן אָנקומנדיקן ליכט, און גיך מיט אַ שאַרפן סקריפּ פאַרמאַכט זיין האַלב געעפנטן טויער, פאַרלעשנדיק אין געאייל דעם געלן לאָמפּ איבער אים. דער האָטעל האָט גענומען דרימלען; דרימלען און אַנטשלאָפן ווערן אויף אַ גאַנצן טאָג. נאָר ס׳ווידערקול אַליין פונם פריער פאַרמאַכטן טויער האָט זיך דאָסמאָל אַביסל לענגער געדרייט אין געסל, שפּעטער שוין אַביסל שוואַכער אַוועק אין אַ צווייטער גאַס און אָנשלאָגנדיק זיך דאָרטן אָן העלקעס געהער, זי ווי מיט אַ פאַרוואָרפענע פּאַציליע אין מיטן גיין אָפּגעשטעלט:

— שוין צייט צוגיין אַ היים — העלקע!

— שוין אַ היים? און וואָס-זשע וועט זיין מיטן ווייטערן זוכן? קען זי זיך דען פּונקט איצט פון דעם אָפּזאָגן? דעמאָלט ווען זי ווייסט אויף באַשטימט, אַז דאָרטן הינטער יענעם ראָג געפינט זיך איר פריינט, וועמענס קול זי הערט איצט אַ סך שטאַרקער און בעטנדיקער ווי תמיד. מעג זי דען דאָס איצט טון? — ניין! און העלקע וויל ווייטער גיין. ווייטער, כדי וואָס גיכער די צענויפטרעפונג צו דערגרייכן, נאָר עפּעס די פוס אירע האָבן זיך מיט אַמאָל איינגעשפּאַרט, אָפּגעזאָגט זיך זי צו פאָלגן, און שווערע ווי צוויי קלאָדעס פונם אָרט נישט געוואָלט רירן. — וואָס איז דאָס? פונוואַנען די פּלוצימדיקע שווערקייט?

העלקע האָט נישט געוווסט, אַז די אַלע שפּאַן, וואָס זי האָט פריער אויסגעטרעטן אויף די פאַרשטויבטע ווענן, זענען

נישט געבליבן דאָרטן ליגן, נאָר צעבויפגעבונדענע, די גאַנצע צייט זיך נאָך איר נאָכגעשלעפּט ווי אַ שווערע קייט, אַן אייזערנע. און אָט פון דאַנען האָט עס זיך גענומען די שווערקייט, וועלכע האָט נישט נאָר געפּענטעט אירע פוס, נאָר אויך זיך צעלייגט אויף איר קאָפּ, אויף די אַקסל, אויף דער פּלייצע, און דעם גאַנצן קערפּער געמאַכט מיד און שלעפעריק, ווי נאָך קיינ-מאָל. שלאָפן, האָבן געציטערט די דעקלעך איבער אירע אויגן, שלאָפן, האָט גערופן דער אויסגעמוטשעטער מוח, – נאָר צו דער היים איז נאָך ווייט, און די פוס זענען מיד. האט זי דאַפאַר זיך מיט גרויס מי און אָנשטרענגונג צוגעשלעפּט צום נאָענסטן הויז-טויער, כדי אויף זיין שטיינערנער שוועל זיך כאָטש אויף אַ קורצער ווילע אָפּצורוען.

שווער אָבער, זייער שווער איז איר ס'אָפּרוען אָנגעקומען. די אויגן-דעקלעך אירע, וואָס האָבן זיך שוין געקלעבט, און אַזוי שטאַרק געגאַרט נאָך אַביסל רו און שלאָף, האָבן זיך אַ יעדער מאָל מיט שרעק אויפגעריסן, און שט׳מע געקוקט אויפן „שטראָז" ווירמעט ס'האָבן זיך אָנגעפּאַקטע דאָרפישע פּירלעך, ווי די ערשטע שליחים פון קומענדיקן רעש, מיט אַ סקריפּערריי און געפילדער געטראָגן צום רינג, צום מאָגן פון דער גרויסער שטאָט. דער געפילדער פון די אויסגעטריקנטע, סקריפּנדיקע רעדער האָט זיך אַ יעדער מאָל פון זיי אָפּגעריסן, מיט געשריי זיך צו געקוילערט צו העלקעס פוס, – און איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פּירלעך קוילערן זיך נישט איבערן שטראָז, נאָר פאָרן און האַקען איר אויפן קאָפּ, איבער דער פּלייצע, און אַז דער כסדר'דיקער, אָפּגעהאַקטער פויערישער „וויאָ" פּיקט איר אין מוח, ווי אַ וואָרנע אַ פאַרפוילט שטיק פלייש.

און דאַפאַר האָט זי פעסטער געדרוקט איר דערהיצטן קאָפּ אָן דער קאַלטער וואַנט, יענערס פייכטיקייט ווי אַ היילונג-ברענגענדיקער קאָמפּרעס אויף איר שטערן געלייגט, און פאַוואָלע-פאַוואָלע זיך גענומען דערווייטערן פון דעם וויברירנדיקן רעש

און ליכטיקן אַרומעט, אַריבערטראָגנדיק זיך שטיל אין די ווײַטע ספערן פון ווייכן שלאָף.

— העי, קלײַן ווײַבעלע! העי, קלײַן ווײַבעלע — דאָ איז נישט קיין אָרט צו שלאָפן!

הינטער העלקעס פּלײצע איז געשטאַנען אַ הויכער, אַן אויסגעפּרעסענער דער הויז־סטרוזש, מיט רײנע אויגן אויסגעשלאָפענע געקוקט אויפן אײנגעהויקערטן, דראָבנעם קערפּערל ביי זײַנע פוס, און אַ געלעכטערל, אַזאַ ווייכס האָט פּלוצים געבומען ציטערן אויף זײַנע פריש־צעקעמטע, לאַנגע וואָנצעס.

— אָהאָ! נעבעך אַ שווערע נאַכט געהאַט. וואָס? זיך גוט, מסתּמא, אָנגעהאָרעוועט; אָנגעשוויצט זיך, אַזש דעם וועג אַ היים נישט געטראָפן... אויף אַ האַרטער שוועל זיך אויסגעבעט... העי, קלײַן ווײַבעלע!...

ער האָט אינמיטן דרינען אָפּגעהאַקט, נישט פאַרענדיקט ס׳געזאָגטע, נאָר אַ קנײטש געטון מיטן שטערן, ווי אײנער, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל אָן עפּעס דערמאָנט. אַ ציטער, פול תּאווה האָט זיך אַ יאָג געטון איבער אַלע זײַנע גלידער אָנציענדיק זיי מיט הייסן באַגערן. גיך האָט ער זיך צו איר אַראָפּגעבויגן, נאָך גיכער זי מיט פאַרדרײטע פינגער ביים אַקסל געפּאַקט און מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם הייס איר אַ שעפּטשע געטון: — ביי מיר איז דאָ אַ שטוב... אַ בעט... וועסט זיך קענען דאָרטן לייגן... וועסט קענען שלאָפן... שלאָפן...

— אַ בעט?... שלאָפן?... און העלקע איז גיך אויפגעשטאַנען פונט אָרט, אײנאײנוועגס פון איר אַקסל אַראָפּגעוואָרפן די פרעמדע האַנט און נישט וועלנדיק אַפילו אַ קוק טון אויף יענעמס פּרצוף, מיט עקל זיך פון אים אָוועקגעדרייט, נעמענדיק זיך גלייך גיין אַ היים. — אַ היים שלאָפן.

און זי איז געגאַנגען, געהונקען אויף די מיט מידקייט אָנגעפּולטע פוס, געשלעפּט זיי מיט שווערקייט ווי אַ קרומער, האָבנדיק פאַר די אויגן נאָר איין ציל — וואָס גיכער צו קומען אַ היים.

דער וועג אָבער, איז עפּעס דאָסמאָל געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי תמיד. בשום אופן זיך נישט געוואָלט ענדיקן, נישט קורצער ווערן, נאָר געצויגן זיך און געצויגן אָן אַ סוף! די ווייטיק פון פריער האָט זיך אין איר ווידער אויפגעוועקט, זיך מער געשטאַרקט, פון אונטן אַרויף זיך גענומען ריקן אַ יעדער מאָל העכער און העכער. אומעטום ס'לייב מיט קאַלטן שוויס באַדעקט, און דער־נאָך אַדורכקלעמענדיק זיך דורך די ריפּן, מיט אַ שטעכעניש אונ־טער די לונגען זיך געלייגט, דרוקנדיק דעם גאַנצן ברוסט-קאַסטן ווי מיט אַ האַרטן רימען אַן אַנגעצויגענעם. נאָך קיינמאָל האָט זי זיך נישט געפילט אַזוי צעבראָכן און אָן כוחות ווי אין דעם דאָ־זיקן פרימאָרגן. ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז איר גאַנצער קערפּער איז צענומען אויף פּיץ-פּיצעלעך, און אַז אַ יעדעס פּיצעלע באַזונדער איז אָנגעפילט מיט אַן אַנדערער מין ווייטיק און יסורים.

ווען וועט עס זיך שוין ענדיקן?

פון דער הויך פונם באַרג, אַ צעשטראַלטס פון דער זון, האָט צו איר אַראָפּגעוווּנקען איר קליינע היים, — און זי, העלקע האָט מיט פאַרביסענע ליפּן זיך געדראַפּעט אויף אַלע פיר באַרג אַרויף, מיט אָפּגעשוואַכטע הענט זיך צוגעהאַלטן ביי די שפּיציקע דערנער, כדי זיך נישט צוריק אַראָפּצעגליטשן און אַ פאַרחלשטע כמעט, זיך אָנגעכאַפּט ביי דער סטאַרטשנדיקער קלאַמקע פון דער טיר. אַ קליין ביסעלע נאָר האָט זיך די טיר נאָכגעגעבן; אַ קליין ביסעלע נאָר — און ווייטער גאָרנישט.

וואָס איז דאָס?

ס'פאַרזשאַווערטע טיר-קייטל, וואָס איז תמיד לויז געהאָנגען און געווען ביים ווינט אַ שפּילעכל, איז דאָסמאָל איבער דער טיר געווען פאַרלייגט און זיין גאַנצקייט מיט אַ גרויסן שלאָס פאַרבונדן. פאַרמאַכט! מיט האַרצקלאַפּעניש איז זי געלאָפן צו דער הינטער-טיר, אין איין אָטעם אַריבער די שוועל פונם פאָדער הייזל און ווי פון אַ בליץ געטראָפן, אויפן אָרט שטיין געבליבן.

אין אַ ווינקל בײַ דער וואַנט איז ווי פאַרשעמט, געשטאַנען אַ קליין פאַרמאַכט קײשל, איר העלקעס קײשל. „מירן זיך נאָך אָפּרעכנען, דו קלײנע בעסטיע, דו. מירן זיך נאָך אָפּרעכנען!“ איצט ערשט האָט זי פאַרשטאַנען דעם אמתן טײַטש פונם אײַנ־אויגיקנס לעצטער דראָונג. איצט האָט זי דערפילט זײַן פויסט. „מירן זיך נאָך אָפּרעכנען...“ שלעכטע מענטשן שענקען נישט; זײ קענען נישט מוחל זײַן. שלעכטע מענטשן זענען זיך גוקם תיכף, באַלד. זי, העלקע קען דאָס זײער גוט; זי ווייסט עס פון אײגענער דערפאַרונג. און דאַפאַר האָט זי זיך אָנגעטון אַ כוח ס׳געשעענע גאַנץ קאַלט אויפצונעמען, נישט אויפגערעגט צו ווערן, נאָר זען וואָס גיכער אָן דעם צו פאַרגעסן; פאַרגעסן — ווי אָן אַ מיאוסן, שווערן חלום. שווייגנדיק, אָנעם מינדסטן געבײזער האָט זי פון דער ערד אויפגעהויבן ס׳קײשל, קײן בליק מער אַפילו נישט געטון צו דער שטוב, ווו זי האָט אַזויפיל יאָרן פאַרבראַכט, גאָר גיך אַוועק פונדאַנען, גיין — צו דער ערשטער חברטאָרן בײַם וועג. יענע האָט זיך פלוצים איבערגעוועקט, מיט צרות קוים אויפגעריסן די צוגעקלעבטע אויגן, און מיט פאַרוווּנדערונג געקוקט אויפן פרי־מאָרגנדיקן גאַסט.

— וואָס איז געשען — העלקע?

העלקע האָט איר גאָרנישט געענטפערט, נאָר שווייגנדיק אַוועקגעשטעלט ס׳קײשל בײַ דער וואַנט, און אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך אין געאײַל די קלײדער, אומגעפּרעגטערהייט אַרײַן צו יענער אין בעט — שלאָפן!...

VIII.

אַ סך טעג זענען דערווײַלע אַזוי אַוועק, אַ סך טעג — און וואָכן. אַ יעדן טאָג האָט העלקע זיך געטראָגן מיטן קײשל פון אײן חברטע צו דער אַנדערער, אַ יעדן טאָג געוווינט בײַ

צמיצן אַנדערש, און אַ יעדן טאָג איז דאָס קיישל לייכטער געוואָרן און ליידיקער.

זי, העלקע האָט געוווסט פונוואַנען ס'נעמט זיך אַזאַ מין לייכטיקייט אין קיישל. זי האָט עס אַפילו שטאַרק געפילט, נאָר אויסהיטן זיך פון דעם האָט זי נישט געקענט. זי האָט עס אַפילו נישט געפּרוווט צו טון. ווייל פאַר שלאָפן מוז מען באַצאָלן, מעג עס אַפילו זיין ביי אייגענע חברטעס, — און קיין געלט האָט זי נישט. האָט זי דאַפאַר געצאָלט וועמען מיט אַ העמד, וועמען מיט אַ פּאָר זאָקן, וועמען אַפילו מיט אַ קליידל, — ביז אין איינעם אַ טאָג האָט דער נאַקעטער דנאָי מיט זיין פּוסטקייט צו איר אַ ווינק געטון, אַזויווי אַמאָל ביים סוחר אין געוועלב. דעמאָלט האָט זי עס אַוועק געטראָגן צו פאַרקויפן אויפן „פּלאַץ". מיטן באַקומענעם האַלבן גולדן פאַר דעם, אריין אין נאָענסטן שענק, דאָרטן פאַר פינעוו-און-פערציק גראָשן אויפגעגעסן אַ הייסן בולבע-גריץ מיט ברויט, די פאַרבליבענע פאַר גראָשן אַוועקגעגעבן דעם ערשטן באַגעגנטן בעטלער, און אַן אויסגעליידיקטע פון אַלעם איז זי געבליבן שטיין אין מיטן גאַס, אַן אָרימע און פאַרלאָזענע — אַזויווי אַמאָל, בשעת איר ערשטן קומען אַהער אין דער גרויסער שטאָט.

ס'איז אָבער אַ גרויסער חילוק פון דעמאָלט ביז היינט. דעמאָלט איז זי געקומען אַ יונגע, אַ געזונטע, מיט אַ לעבעדיקן גלויבן אין הארצן, און נאָך אַ שטאַרקערן ווילן אין מוח דאָ אין דער גרויסער שטאָט איר גליק צו מאַכן. דעמאָלט איז נאָך איר גאַנץ וועזן געווען איין גרויסע האָפענונג, און איר צוקונפט — אַ ליכטיקער שטערן פאַר די אויגן.

דאָס איז געווען דעמאָלט — און היינט?...

פון ערגעץ-ווו האָט זיך פּלוצים אַ לייכט ווינטל אָפּגעריסן, שטיל זיך אַ דריי געטון צווישן די געדעכט אויסגעשטעלטע בוי-מער, און בלעטער געלע, אָפּגעריסענע האָבן זיך ווי אונטערגע-שאָסענע פייגל גיך געגומען דרייען אין דער לופטן; געדרייט זיך

און געהוידעט ווי אויף צעבראָכענע פליגל, און דערנאָך טויטע שוין געפאַלן צו דער ערד, אָנפולנדיק די ברייטע גאָרטן-אַלעען מיט געלן שימער. פאַרוויאַנעטע און אויסגעטרוקנטע האָבן זיי זיך הויפנווייז געוואַלגערט אויף אַלע שטעגן, און מענטשלעכע פיס איילענדיקע זיך ערגעץ אין זייער געגיי, האָבן שווער גע־טרעטן אויף זיי און געדאָפּטשעט, ווי אויף זאַכן שוין לאַנג אויסגענוצטע.

דורך שיטערע צווייגן האָבן ברעקלעך זון, רויטע און קילע זיך געגליטשט איבער פול באַזעצטע גאָרטנבענק, נאָך אַמאָל געפרווט אַ ליכטיקן שמייכל טון צו די פאַרדאגהטע מענטשלעכע פנימער, — נאָר ס'שמייכלען איז שוין געווען אַזאַ מין געבעטעדיקס, אַזאַ אָסיענדיקס, אַז קיינער האָט עס שוין נישט מער געפילט. אַ יעדער איז געזעסן אַן אַריינגעטועטער אין זיך, אַ שטומער, אַ פאַרקלערטער, — נאָר אַליין די קינדער, רויטבאַקנדיקע און צעשמייכלטע, זענען שטאַרק צעשפּילטע אַרומגעלאָפן איבער די אָנגעוואָרפענע בלעטער, געבאָדן זיך אין די לעצטע פוצלעך זון, און הויך אויפן קול זייער צופרידנקייט אויסגעשריגן, הויך — ווי עס טון געוויינלעך קינדער.

אויף זיי, נאָר אויף זיי האָט עס העלקע די גאַנצע צייט געקוקט, און זיי, נאָר זיי איז זי איצט מקנא געווען; מקנא געווען פונם גאַנצן האַרצן.

פון ערגעץ-ווו איז ווידער געקומען אַ ווינטל, אַ קעלטערס שוין און אַ שטאַרקערס. מיט הויכן זשומען איז עס געלאָפן צווישן די שוין כמעט נאַקעטע בוימער, די לעצטע בלעטער פון זיי אַראָפּגעפליקט, מיט כעס זיי צו דער ערד געוואָרפן, און מיט שטאַרקן אָטעם זיי געבלאָזן און געשמיסן פון איין אָרט צום אַנדערן. די רויטע פוצלעך זון, וואָס האָבן ערשט נאָר וואָס אַזוי ליכטיק געשמייכלט, זענען פלוצים פאַרלאָשן געוואָרן, זייערע ערטער זענען געוואָרן גראָע, טונקלע פון אָנגעקומענע צעפליקטע שטיקער כמאַרעס. די לופט איז מיט אַמאָל געוואָרן אָנגעזאָפּט

מיט פייכטיקייט, שווערער געוואָרן, און דער גאָרטן האָט זיך גיך גענומען אויסליידיקן. ס׳זענען פּלוצים ערגעץ אַהינגעקומען די אויסגעפּוצטע, לויטערע מאַמעס, ס׳איז פאַרשטימט געוואָרן דער לעבעדיקער געשריי און געפּלאַפּל פון די רויט-באַקנדיקע קינדער, און אין גאָרטן צווישן אָפּגעטרעסעטע נאַקעטע ביימער, צווישן געל פאַרוויאַנעט, צעטרעטן גראָז, אויף פּוסטע פאַרלאָזענע בענק, האָט זיך מיט אַמאָל גענומען פאַרשפּרייטן אַן אומעט, אַ שווערער, אַ דרוקנדיקער — פון האַרבסט און פאַרגיין.

עטלעכע מענטשן נאָר, שטומע און פאַרצערטע זענען ווי צוגעקלעבטע נאָך געזעסן אויף די בענק, און אַלץ געהאָפט, געוואַרט ווי אויף אַ נס, אפשר וועט עס פאָרט נישט רעגנען. דער רעגן אָבער איז טויב געבליבן צו זייערע פאַרלאַנגען, נישט פאַרשטאַנען וואָס ס׳הייסט היימלאָזיקייט, און גיך זיי אַראָפּגעקערט פון זייערע ערטער, טרייבנדיק זיי פונדאַנען מיט נאַסע בייטשן, קאַלטע.

און זיי די מענטשן, די לעצטע פון די לעצטע זענען זיך גיך צעלאָפן פונם גאָרטן, צעשפּרייט זיך ווי די אַראָפּגעפליקטע פונם ווינט געטראָגענע בלעטער אין אַלע ווינקלעך, איבער-לאָזנדיק נאָר איינעם פון צווישן זיך אין גאָרטן, איינעם, וואָס האָט נישט געהאַט קיין כוח, און נישט געוווּסט וואַהין איצט צו גיין: העלקע.

אַן איינגעהויקערטע, אַ פאַרטרויערטע, מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן איז זי געזעסן אויף דער אָנפרעגנטשענדיקער באַנק און געמוטשעט דעם מוח, געקלערט אָנגעשטרענגט, ווו זיך אויסצו-באַהאַלטן פאַרן רעגן, ביי וועלכער חברטע היינט אומזיסט צו שלאָפן. זי האָט אָבער גאָרנישט געקענט אויסקלערן; גאָרנישט. — סיידען אין מילע-געסל צו גיין און דאָרטן וואַרטן, אפשר וועט זיך מאַכן עפּעס אַ גאַסט, וואָס וועט באַצאָלן פאַר נאַכטלעגער. קיין גרויסע האָפענונגען אויף דעם האָט זי נישט געלייגט, נאָר אַרויס פונם גאָרטן האָט זי געמוזט, ווייל דער רעגן האָט שוין

געגאָסן נישט אויף קיין שפּאַס, זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט, און צום אַנטלויפן זי געצוווּנגען פונדאַנען, אַנטלויפן וואָס פריער און גיכער.

און העלקע איז אַנטלאָפן פונדאַנען, אַנטלאָפן ווי אַ געטריבענע איבער די ברייט צעגאָסענע קאַלוזשעס וואַסער, טיף געגרעזנעט אַ יעדער מאָל אין די צעווייקטע בערגער בלעטער ווי אין אָנגעזאַפּטע שוואָמען, און מיט פאַרנעפּלטע אויגן דערווײַלע געקוקט אויף דער צעצויגענער מענטשן־ליידיקער גאַס, ווו אונטער אַפּירסטאַרטשנדיקע באַלקאָנען קען מען טרעפן אַ שטיקל אָרט דעם אָטעם צו כאַפּן, און אַ שוץ־פּונקט קעגן רעגן. ס'איז אָבער נאָר געווען אַן אילוזיע, אַ טויטע פאָרשטעלונג פון אַ צעהיצטן מוח, און פאַרקילטע נאַסע פיס. די באַלקאָנען האָבן טאַקע פונדערווייטנס אויסגעזען ווי קליינע פרייע דעכלעך, וואָס קענען שיצן קעגן רעגן, — אָבער נאָר פונדערווייטנס האָבן זיי אָזוי אויסגעזען. פון דער נאָענט אָבער זענען זיי געווען שמאָלע און נעבעכדיקע, און דער רעגן האָט זיך פריי אונטער זיי געדרייט, אַזויווי אין גאָרטן, אַזויווי אין מיטן גאַס. האָבן דאַפאַר די ליפּן אירע קעגן עמעצן אַן אומבאַקאַנטן, אַ שאַרפע קללה אַרויסגעשטויסן, — און ווייטער איז זי געלאָפן, אַ יעדער מאָל ווייטער און ווייטער ביז אַהין צום קליינעם מילע געסל, צו די אויסגעשליפענע נאַסע שטיינער, אויף וועלכע אירע פיס, כאָטש צעווייטיקטע האָבן אַ פריידיקן טראָט געטון, ווי אויף דער שוועל פון אַן אייגענער היים.

דאָ האָט זי זיך אַרײַנגעכאַפּט אין ערשטן טויער, אויף די קאַלטע טרעפּ זיך אויסגעזוכט אַ פּלאַץ צום זיצן, און מיט הענט פאַרשטאַרטע פון קעלט גענומען אויסקוועטשן ס'וואַסער פון די אויפגעבלאָזענע קליידער, ווילנדיק זיי וואָס גיכער מיט דער היץ פונם אייגענעם קערפּער אויסטריקענען.

אַקעגנאיבער האָט דער האַלב־געעפנטער האָטעל־טויער גערוט מיט פוסטקייט, קיינער האָט זיין שוועל נישט באַטרעטן, און פון גאָרנישט איז זיין שטילקייט צעריסן געוואָרן. נאָר אַליין

דער טונקלער לאָמפּ איבער אים, האָט ווי אַ שכור זיך געהוידעט אין רעגן, און שטום געוווּנקען צו דער גאַס: קומט אַהער! דאָ איז מען אויף! זיין ווינקען אָבער האָט קיינער נישט געזען און קיין איינציקער איז אַהער געקומען. דער טויער איז ווייטער געבליבן באַקלעבט מיט שווערער פוסטקייט, גלייך ווי דער פונם בית-עולם.

IX.

דער קלאַנג פון אַ לאַנגזאַם, שווער טריטן האָט זיך פלוצים דייטלעך געגנומען אויסשיילן פונם כסדר גיסנדיקן רעגן, און טריט הערטע, אַ יעדער מאָל זיך אָפּשטעלנדיקע, האָבן זיך געהאַלטן אין איין דערנענטערן צום געסל, וועקנדיק אין העלקעס האַרצן אַ נייע האָפענונג: אפשר קומט עס עמעץ פון אירע באַקאַנטע?...

זי האָט אינמיטן דרינען איבערגעריסן דאָס אויסקוועטשן ס׳וואַסער פונם אָנגעטרופּכץ, אין געאייל, מיט נאַסע הענט זיך אָפּגעווישט ס׳פּנים, אויסגעגלייכט די האָר, און מיט אַן אָפענעם צעבראַסטעטן מאַנטל אַרויס פונם טויער, זוכנדיק מיט הייסע בליקן די דערפילונג פון איר קליינער האָפענונג.

און די דערפילונג האָט זיך באַלד באַוויזן. זי איז געקומען אין דער געשטאַלט פון אַ נאַכטוועכטער, וועלכער האָט מיט אַ קליין טאַשנלעמפּל באַלויכטן די שטאָלערנע פענצטער-ראָלן. איר, העלקען צוגעשיקט אַ שטומען שמייכל, — און מער גאָרנישט.

מער גאָרנישט! און וואָס-זשע וועט זי טון ווייטער?

זי האָט זיך שוין נישט אומגעקערט צוריק אין טויער, נאָר ווי אַמאָל איר שמאָלן גוף אַריינגעקוועטשט צווישן טויער און רינווע, און אירע בליקן פריי געלאָזט לויפן איבערן פינצטערן געסל, איבער די מיט רעגן פאַרוויינטע הייזער, און די מיט טונקלקייט פאַרשלאָפענע האָטעל-פענצטער. און זיי, די בליקן אירע זענען ווי נאָכגעלאָזטע הינטעלעך געלאָפן אַהין-און-צוריק,

און אַ יעדער מאָל זיך אַזעלכע וויינענדיקע אָפּגעשטעלט בײַם האָטעל-טויער, גלײַך דאָ וואָלט געווען זייער היים.

און מאָדנע איז עס איר פֿאָרגעקומען, העלקען, גאָר מאָדנע. אַ הויז, אַ האָטעל מיט אַזויפֿיל פֿענצטער; אַ יעדעס פֿענצטער — אַ צימער; אין אַ יעדן צימער אַ בעט, אַ טיש, אַ שטול, — און אַלץ איז דאָרטן פֿאַרהילט מיט פּוסטקייט, פֿינצטערקייט, ליידיקייט, און אומעטים דאָרטן איז איצט פֿאַרשלאָסן, פֿאַרמאַכט, אפֿילו פֿאַר איר, העלקען, כאָטש זי איז אין זיי אַ שטאַבילע אײַנגייערן געווען, אַ שטיק לעבן אין זיי פֿאַרבראַכט.

אַ שטיק לעבן פֿון אויסגעהולעטע, פֿול-תּאווהדיקע נעכט דאָ איבערגעלאָזט. מיטן אייגענעם קערפּער ווי מיט אַ לעבעדיקער רעקלאַמע דעם באַלעבאָס אונטערנעמונג פֿאַרסירט, זײַנע קעשענעס פֿולער געמאַכט — און אַן זיך אַליין דערווײַלע נישט געדענקט. פֿאַרגעסן תּמיד צו קלערן וואָס ס'וועט זײַן שפּעטער; אַז ס'קענען קומען שעהן שלעכטע, ביטערע ווי נעכטן, ווי הײַנט, ווי איצט...

וואָלט עס כאָטשבע נישט אַזוי געפֿרעגנט, וואָלט עס נאָר נישט געווען אַזוי קאַלט, וואָלט זי זיך שוין געוועזן געקענט אויסזוכן אַ פּלאַץ ווו די נאַכט איבערצוקומען, ווו זיך אָפּצורוען. אָבער דער רעגן, ווי אויף להכעיס גיסט נאָך אַלץ מיט דעמזעלבן כּוח וואָס פֿריער, און טרײַבט זי פֿון איר ווינקל, ווי מיט קאַלטע קלעפּ, און צווינגט איר מוח צו אומאויפֿהערלעכן קלערן וועגן נאַכטלעגער, וועגן רוען.

נאָכאַמאָל האָבן זיך אירע בליקן אַדורכגעגליטשט איבער די טונקלע האָטעל-פֿענצטער, נאָכאַמאָל זיך אָנגעהאָנגען אָנעם האַלב געעפֿנטן האָטעל-טויער — און זי האָט ריזיקירט: מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און אויסגעגלײַכטער פּלייצע האָט זי זיך אַוועקגעריסן פֿון איר אָרט, און מיט אַ לעבעדיקן טראָט, ווי צו אַ פֿאַרדינסט, אַרײַן אין האָטעל.

פֿון דער פֿאָרטיערקע האָט מאַקס, אַ פֿאַרשלאָפֿענער אַרויסגעשטיפּט אַ צעשויבערטן קאָפּ, מיט די קליינע אייגעלעך אַ

בלינצל געטון אין העלקעס זייט אַריין און זיך צעשמייכלט.
— אָ העלקע! אַ גאַסט!
— אַ גאַסט — האָט זי אים צוריקגעשמייכלט, און גייענדיק שוין אויף די טרעפּ, צוגעגעבן — נומער זיבנצן וועסטו אים ווייזן. הערסט מאַקס? נומער זיבנצן!

מאַקס פּנים האָט זיך נאָך מער צעשמייכלט; נאָך ברייטער געוואָרן פון הנאה. אַ קלייניקייט, אין אַזאַ מיאוסער נאַכט ברענגען אַ גאַסט, קען טאַקע נאָר איין העלקע. און אַ צופרידענער האָט ער פאַרשטעקט די צעשויבערטע האָר הינטערן גלאַנציקן, צעראַטע-קאַשקעט, דעם קערפּער אויסגעגלייכט און אויפגעבלאָזן מיט פול זעענדיקער הפליכקייט, און אַזעלכער זיך געשטעלט ביי דער טיר, דערוואַרטנדיק העלקעס גאַסט. און ער האָט געוואַרט, מאַקס, אַ מינוט, צוויי — און גאָרנישט. קיינער האָט זיך נישט באַוויזן, און קיינער איז נישט געקומען. האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ צום דרויסן, דערפילט אויף די באַקן אַ קאַלטן רעגן-שמיץ, און זיך שוין אָנגעהויבן צו דענערווירן. — ערגעץ איינגעזונקען געוואָרן, צום שוואַרצן יאָר! פונדעסטוועגן האָט ער געוואַרט נאָך אַביסל, געמיינט, אפשר וועט פאָרט עמעץ קומען, נאָר זעענדיק צולעצט, אַז ס׳איז טאַקע גאָרנישט, שוין מיט בייזקייט אַ שפּיי געטון צו דער גאַס און אַן אויפגערעגטער גענומען שפּאַנען איבער די קרעכצנדיקע טרעפּ צום צווייטן שטאָק, כדי דאָרטן העלקען איבערצוגעבן, אַז איר גאַסט האָט זי אונטערגעלאָזט; מסתמא חרטה באַקומען אויפן עסק.

ס׳איז אים אָבער נישט באַשערט געווען, מאַקסן, דאַסמאָל צו האָבן אַ רויִקע נאַכט, האָט ער זיך ביי דער טיר פּינם צימער נומער זיבנצן — נאָכאַמאָל אָפּגעגאַרט. ער האָט זי גיך געעפנט, אַריינגעשטיפּט דעם קאָפּ אינווייניק — און די ווערטער, וואָס ער האָט באַדאַרפט העלקען צו זאָגן, זענען אים אויף די ליפּן, פאַרגליווערט געוואָרן. ס׳צימער איז געווען איינגעהילט אין אַ פינצטערניש און אַ פוסטקייט, ווי אַ קעלער. איז ער געלאָפן, מאַקס,

צו נומער אַכצן, מײַנענדיק, אַז העלקע האָט זיך טועה געווען, האָט אים אויך דאָ אויפגעגנומען אַזאַ זעלבע פינצטערניש און אַזאַ זעלבע פוסטקייט. האָט ער זיך אומגעקערט צו נומער זעכצן, צו נומער פופצן, איז געווען אומעטום דאָס זעלבע: פינצטער און פוסט.

— נישטאָ!

אַן אויפגעקאָכטער, אַ דערצאָרנדיקער איז ער, מאַקס, געשטאַנען אין דער מיטן פונם לאַנגן קאָרידאָר, און מיט אויסבאַלושעטע אויגן געקוקט אויף די פאַרהאַקטע טירן פון צרום, נישט וויסנדיק הינטער וועלכער ס'האָט זיך עס העלקע באַהאַלטן. וואָס אײַנגנטלעך ס'איז מיט איר געשען? זי האָט אים דאָך דײַטלעך געזאָגט, נומער זיבנצן! נומער זיבנצן!... און אפשר גאָר איז די גאַנצע מעשה מיטן גאַסט אַן אויסגעקלערטע, אַן אויסגעטראַכטע פון העלקען ספּעציעל פאַר זײַנעט וועגן, כדי ער, מאַקס, זאָל איר קיין שוועריקייטן נישט מאַכן ביים אַרײַנגיין אַליין אין האָטעל. זי האָט פּראָסטע-פּשוט געוואָלט אַנטלויפן פונם רעגן, — און פונדאַנען דער ליגן; דאַפאַר אים אָפּגענאַרט. אים מאַקסן אָפּגענאַרט! אים אַליין, — און ער וועט דאָס שווייגן?...

נאָכאַמאָל איז ער געלאָפן איבערן גאַנצן קאָרידאָר, נאָכאַמאָל אויפגעריסן אַלע פאַרשלאָסענע טירן, אין אַ יעדן צימער באַזונדער אַרײַנגעשריגן, מיט העלקעס נאָמען זייער שטילקייט צעריסן, — און אַ כעס אַ ברענענדיקער האָט שוין געקאָכט אין אים ווי אין אַ קעסל. און מיט אַמאָל איז זײַן בליק געפאַלן אויפן שמאָלן טירל פונם בוידעם צימערל, און אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן גאַנצן לייב. דאָ אין דעם קליינטשיקן צימערל, וואָס האָט איבערהויפּט נישט קיין נומער און דינט גאָר פאַר ביליקע געסט, — דאָ מוז זי באַשטימט זײַן, העלקע. ווי אַ צעריצטער הונט האָט ער אַ שפּרונג געטון צו דער טיר, מיט אַ שטויס זי אויפגעפּראַלט, פון דער וואַנט אַ געל ליכט אַרויסגעקוועטשט — און ביי דעם קאַלטן בלאַסק אַן אויסערגעוויינלעך

בילד דערזען: אויפן איינציקן בענקל אין סאַמע מיטן פונם צימער איז אַ צענויפגעקאָרטשעטע, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און צענויפגעלייגטע הענט, געזעסן העלקע — און געדרימלט. פון אירע נאַסע קליידער האָט עס אַן אַן אויפהער געהאַלטן אין איין קאַפּען, און אויף דער בריק ביי אירע פיס האָט זיך אַ קליינער וואַסער-קרייז געשאַפן, אַ קרייז, וואָס האָט גענוי אָנגעוויזן די גרויס פונם אָרט, וואָס זי, העלקע באַדאַרף האָבן.

אַ צעטומלטער האָט מאַקס געקוקט אויף דעם אויסטערלישן בילד, געקוקט אויף העלקעס צעבויגענער געשטאַלט — און גאָר-נישט פאַרשטאַנען. זיינע בליקן האָבן זיך אָן אַן אויפהער געקוי-לערט איבער אירע גלידער, געטאַנצט איבער זיי און געשפּרונגען, און נישט געזען דעם ווייטיק, וואָס האָט פון אַ יעדן פון זיי באַזונדער אַרויסגעשפּאַרט און באַזונדער געבעטן רחמים. זיי, די בליקן זיינע האָבן נאָר געזען ס׳קליינע קאַלוזשעלע וואַסער לעבן אירע פיס, און דאָס איז שוין גענוג געווען, אַז ער, מאַקס, זאָל נאָכמער אויפגעבראַכט ווערן; נאָכמער אויפגערעגט ווערן אויף דעם, וואָס האָט געוואַגט אים, מאַקסן, אָפּצונאַרן. אים אַליין אָפּנאַרן! אים אַליין! אָ ניין! אַזאַ זאַך וועט מאַקס נישט שענקען. זי וועט שוין ביי אים דאַפאַר נעכטיקן אין גאַס. אונטערן רעגן וועט זי שוין ליגן און געדענקען וועט זי אויף תמיד, וואָס ס׳הייסט אָפּנאַרן; אים מאַקסן אָפּנאַרן. און בייז האָט זיך איין האַנט זיינע אַ ליג געטון אויף אירס אַן אַקסל, און די אַנדערע האָט זיך ווי אַ וועג-ווייזער אַ צי געטון צו דער אָפענער טיר:

— אַרויס!

העלקע האָט זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט. געוואָלט זיך תיכף אויפהויבן פונם בענקל, נאָר די פיס האָבן זיך אָפּגעזאָגט זי צו פאָלגן, נישט בכוח געווען אונטערצוהאַלטן איר קליינעם גוף.

— זי וויל נישט! — און דער כעס אין מאַקסן האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט, נאָכמער אויפגעבוזיזט געוואָרן און אויפגעקאָכט, ווי ביי אַ גזלן.

— אַרויס פונדאַנען, דו מיאוסע קורווע, דו! אַרויס!

נאָכאַמאָל האָט זיך העלקע אויפגעהויבן פון איר אָרט, מיט מורא אַ קוק געטון אויף מאַקס רויט, מיט בלוט פאַרלאָפן פנים, אויף זיינע, ווי צום שלאָגן אויפגעהויבענער האַנט, און איר פּליי-צע האָט זיך מיט אַמאָל אַ קאָרטשע געטון, איינגעצויגן זיך, גלייך קלעפּ ווייטיקפולע וואָלטן שוין דאָרטן געפאַלן.

הייסט עס, אַז איר פּאָרטל האָט זיך נישט איינגעגעבן. מאַקס האָט זיך גיך געכאַפּט אויפן שווינדל, און פונדאַנען ס׳ווייזן איר מיט אַזאַ כעס די טיר. זי, העלקע האָט געוואָלט תיכף פאַר-לאָזן ס׳צימערל, פּטור ווערן פון מאַקס צאָרנדיקע בליקן, נאָר מער פון איין שפּאַן האָט זי נישט געמאַכט. דורכן שוואַרצן פענצטער האָט אַ וויינענדיקע אַריינגעקוקט די נאַכט, און אויף די בלעכן פונם דאַך האָט אין אַ איינקלאַנגנדיקן ווערבל דער רעגן געהאַלטן אין איין דערמאָנען: אין דרויסן איז נאַס... אין דרויסן איז קאַלט...

אין דרויסן איז נאַס, אַ קעלט שפּאַרט פון אַלע ווינקעלעך, — און ווו קען זי גיין אין אַזאַ מין טרויריקער נאַכט?

נאָכאַמאָל האָבן זיך אירע בליקן אויפגעהויבן צו מאַקסן, מיט רחמנות געקוקט אויף זיינע דראָענדיקע הענט, און אַ תפילה האָט זיך גענומען ווען אין איר האַרצן, אַ תפילה, וואָס האָט באַדאַרפט לעשן מאַקס כעס, און ווייכער מאַכן זיין האַרץ. זי האָט אים געוואָלט דערמאָנען אָן די פאַרגאַנגענע גוטע-צייטן, אָן זייער לאַנגיעריקער באַקאַנטשאַפט און שטאַרקער פריינטשאַפט. זי האָט אים אויך געוואָלט בעטן, ער זאָל זי נישט אַרויסטרייבן פונדאַנען צוריק אין גאַס, זי לאָזן דאָ אין צימערל די נאַכט איבערנעכטיקן. זי פאַרלאַנגט דאָס, חלילה, נישט אומזיסט. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט זי אים דאַפאַר באַצאָלן, און דאָס — מיט פּראָצענט.

אַזוי האָט זי אים געוואָלט בעטן, און אַזוי זאָגן. זי האָט אָבער גאָרנישט געבעטן און גאָרנישט געזאָגט. ווייל איינקוקנדיק

זיך גוט אין זיין פנים, איז איר די תפילה אין האַרצן אָפּגע־שטאָרבן נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן. איז דאָס מאַקס? דער אַלטער, גוט באַקאַנטער מאַק:?...

זי געדענקט אים, מאַקסן, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל דאָ באַוויזן אַלס נאַכט־פּאָרטיער. דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ דאַרער, אַן אויסגעטרוקנטער, מיט אַ לאַנג מאָגער פּנים, און דערשראָקענע, מיט פול רחמנות אָנגעפולטע אויגן. אויף דער פּלייצע אונטער ביידע זייטן אַקסל האָבן ווי הויקערס אַרויסגע־סטאַרטשעט צוויי שפּיציקע ביינער, פון וואָס די מיידלעך האָבן געהאַלטן אין איין אָפּחוזקן: מאַקס מיט די צוויי הויקערס. פאַר וואָס זי, העלקע, האָט אים געהאַלטן אין איין פאַרטיידיקן פאַר די מיידלעך, נישט לאָזנדיק אויף אים גאָרנישט רעדן — געדענקט זי נישט. זאָל עס געווען זיין אַזאַ מין רחמנות פון אַ געזונטער, לעבנסלוסטיקער מויד צו אַ צעבראָכענעם, נעבעכדיקן מענטשן, אָדער אפשר גאָר איז זי דעמאָלט פאַרכשופט געוואָרן פון זיין געשליפענער חניפה צינג מיט די שיינע פיל צוזאָגנדיקע רייד?

ס'האָט זי אויך קיינמאָל נישט אינטערעסירט זיין כסדרדיק זאָגן, אַז ער איז אירס אַ גוטער ברודער, און אַז ער וועט אָן איר תמיד געדענקען. זיינע רייד זענען תמיד געווען צו לייכטע אויף איבערצולאָזן אַ טיפערן איינדרוק, און חוצדעם האָט זי געוווסט, אַז ער איז נישט דער ערשטער, און אויך נישט דער לעצטער, וואָס וועט זיין צוזאָג נישט האַלטן. אַ סך אַזעלכע גוטע ברודער ווי מאַקס זענען שוין דורך איר לעבן אַדורכגעגאַנגען. אַ סך זענען זיי געקומען צו איר. ווי אָפּגעלופּעטע פולע שפּענער, אָנגעטראָגענע פון פרעמדע ריטשקעלעך, האָבן זיי זיך אַרום איר געדרייט. און דערנאָך איינציקווייז. ווער אַביסל פריער, ווער שפּעטער, פאַרשווונדן געוואָרן, אַהינגעקומען ערגעץ — גלייך ווי נישט געווזענע. און זי האָט אָן זיי פאַרגעסן, און קיינמאָל מער וועגן זיי אפילו קיין קלער געטון. אָבער מאַקס? ער איז זיי דאָך אַלע איבע־געוואַקסן. איבערגעלעבט זיי — זייענדיק כסדר איר

שטומער שאָטן, און שטילער שותף. אַ העלפט פון אירע פאַרדינסטן, נישט אָפּנאַרנדיק אים אפילו מיט אַ גראָשן, האָט זי אים תמיד אַוועקגעגעבן, און קיינמאָל זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף דעם, נישט אַ פרעג געטון: פאַר וואָס? פאַר וואָס קומט אים אַזויפיל? און דאַפאַר האָט זי די גאַנצע צייט נישט באַמערקט די ענדערונג, וואָס האָט זיך צו אים אַ יעדער מאָל מער צוגעקלעבט. נישט געזען דאָס אַהינקומען פון זיין מיטגעבראַנגטער נעבעכדיקייט, און נישט געפילט די אויסגערעכנטע הגיפה מיט וועלכע ער, מאַקס האָט זי צו זיך צוגעבונדן. און אַ געבונדענע האָט ער זי די גאַנצע צייט געהאַלטן לעבן זיך, און מיט דעליקאַטע פינגער, ווי אַ געניטער כירורג, פון איר די הויט געשינדן, איר פּ׳פליש צוגענומען און זיך אַליין מיט דעם אָנגעשטאָפּט. אויסגעגלייכט זיך די פּלייצע, פעט געמאַכט דעם קאַרק, קיילעכדיק ס׳פּנים, און די אויגן טיפער אין קאָפּ אריינגעצויגן; גיריקער זיי געמאַכט, ווי ביי אַ חזיר, וואָס זעט קיינעם — נאָר זיך.

זי, העלקע ווייסט, אַז אין דער גאַנצער עוולה, וואָס מאַקס באַגייט איצט קעגן איר, זענען שולדיק נאָר זיינע אויגן. וואָלטן זיי נישט געוואָרן אַזעלכע קליינטשיקע, אַזעלכע פאַרשטעקטע, וואָלטן זיי געזען בעסער; וואָלט אין זכרון ביי אים אויפגעבליצט אַ דערמאָנונג, און אין האַרץ וואָלט אַ ציטער געטון אַ פונק רחמנות: זאָל זי דאָ איבערנעכטיקן, העלקע; זי איז דאָך עפּעס אַן אייגענע, — און דאַפאַר האָט זיך די גאַנצע אויפרעגונג אירע מיט אַמאָל אַריבערגעוואָרפן צו זיינע אויגן, און עפּעס אַ חשק, אַזאַ מין מאָדנע האָט זי פּלוצים אַ נעם געטון זיי אויסצוהאַקן. אַרויסקוועטשן פון זיי ס׳אָנגעלאָפענע בלוט, און אויף תמיד פאַרלעשן אין זיי די רוצחישע, אוממענטשלעכע פלעמלעך. און די הענט אירע האָבן זיך אַליין צענויפגעלייגט אין האַרטע פויסטן, און בליצשנעל זיך אַ הויב געטון אין דער הויך, כדי פון אויבן אַראָפּ מיט אַלע כוחות אַ קלאַפּ צו טון. דער קלאַפּ אָבער איז אַ נישט אויסגעלאָדענער געבליבן שטעקן אין אירע אויפגע-

הויבענע פויסטן, גלייך אַן אומזעבאַרע מירא וואָלט זיי מיט אַמאָל געוועזן דעם וועג צום ציל פאַרשטעלט. זי, העלקע האָט פּלוצים פאַרשטאַנען, אַז אירע הענט זענען צו שוואַך, כדי אַזאַ פּעט פּנים בייצוקומען, און דאַפאַר זיך פאַר צער און ווייטיק אויפן קול צעוויינט. נאָכאַמאָל האָבן אירע פאַרטרערטע אויגן אַ קוק געטון אויף מאַקס אויפגערעגט פּנים, נאָכאַמאָל אויסגעזוכט זיינע פאַרשטעקטע קליינטשיקע אויגעלעך, — און אַ שפּיי אויף זיי געטון, אַ שפּיי מיט דער גאַנצער גאַליקער ביטערקייט פון איר מויל, און מיטן גאַנצן האַס פון איר נשמה.

ער, מאַקס, האָט מיט אַמאָל דערפילט עפּעס אַזאַ מין שטעכעדיקן ברי אין פּנים, און אַ געדיכטע פינצטערניש האָט פּלוצים זיינע אויגן פאַרקלעבט. אויף אַ קליינער ווילע איז זיין גאַנצער גוף ווי געליימט געוואָרן, נישט קענענדיג זיך אפילו פונם אָרט אַ ריר טון. העלקעס איבערפאַל איז געקומען אַזוי גיך, אַזוי אומפאַרהאָפט, גלייך אַ האַרצשלאַג, וואָס טרעפט עמיצן אין מיטן גיין. ערשט שפּעטער אַביסל האָט זיך זיין מוח צוריק אויסגעלייטערט און פאַר זיינע פאַרמאַכטע אויגן האָט זיך נאָכאַמאָל אַ צעשפּיל געטון העלקעס לעצטע באַוועגונג, איר הויב מיט דער האַנט, דער ענערגישער כלוסק — און אַ טויט שרעק האָט אים מיט אַמאָל אַ ביס געטון אין האַרץ, און מיט אומקום אים ס׳בלוט פאַרסאַמט. וויטריאָל — האָט אים אַן אָפּגעריסענער געדאַנק אַ שטאָך געטון, און ער האָט זיך מיטביידע הענט פאַר די אויגן געכאַפּט.

— געוואַלט! — און זיין שטים האָט זיך אַ טראָג געטון איבער די שווייגנדיקע קאָרידאָרן, און ווי אַן אָרימאַן נאָך הילף אין אַלע טירן געקלאַפּט. — ראַטעוועט מענטשן! — און זיין געשריי האָט זיך מיט אַמאָל צעבראָכן, הייזעריק געוואָרן, און אין אַ אומפּענטשלעכן רעווען איבערגעגאַנגען.

און ס׳רעווען זיינס איז געוואַקסן, אַ יעדער מאָל שטאַרקער געוואָרן און מיט שרעק העלקעס אוירן אָנגעפילט. — ר׳איז

משוגע געװאָרן, אָדער?... און הינטערװײַלעכץ האָט זי זיך בענוי־מען אַרויסשאַרן פּוגם צימערל. זאָל זי אים האָבן אויף אַן אמת בלינד געמאַכט?

אין דרויסן האָט זי דער רעגן װידעראַמאָל אַ כאַפּ געטון אין זײַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס, מיט אַ נאַסער פינצטערניש איר שמאָלן קערפּער װי מיט אַ שװאַרצער שאַל אַרומגעװיקלט, און אײַנאײנעם מיט איר זיך געטראָגן איבערן אויסגעלײדיקטן מילע־געסל, װעלנדיק עס װאָס גיכער איבערלאָזן הינטער זיך.

און זי איז געלאָפן אַ יעדער מאָל װײַטער און װײַטער, געריסן אָן אַן אויפהער שטיקער פאַרשלאָפענע גאַסן און אָן רחמנות זיי געװאָרפן הינטער זיך, ביז פון דער גאַנצער שטאָט איז געבליבן בלויז אַ גרויסער טונקלער קנויל, אײַנגעהילט אין רעגן און אין פוסטקייט.

נאָכאַמאָל האָט זי פונדערװײַטנס אַ קוק געטון אויפן אָנגעװאָרפענעם קנויל שװאַרצע הײַזער, און אַ װײטיק האָט איר פּלוצים אונטערן האַרצן אַ דרוק געטון. אָט דאָ האָט זי עס אַ שטיק לעבן איבערגעלאָזט, און אָט דאָ האָט מען זי אויפן געמײנסטן אופן אויסגענוצט. די גרויסע שטאָט איז תּמיד געװען האַרט צו איר, אָן אַ שום מיטלייד פון איר אַ תּל געמאַכט, און איצט אונטער רעגן און קעלט פון זיך אַרויסגעשטויסן, נישט װילנדיק אַפילו װיסן, צי זי, העלקע װעט אין דער פינצטערניש געפינען אַ װעג װוּאַהין װײַטער צו גיין.

װוּאַהין צו גיין, — און װאָס צו טון?

אַן אָנבלעטערדיקער בוים האָט איר שװײַגנדיק זײַן האַרטן שטאָם אָנגעבאָטן און העלקע האָט אַ מידע אָן אים איר שמאָלע פּלײצע אָנגעשפּאַרט. איבער אַלע אירע גלידער האָט זיך װי אַ שװאַרצע שלאַנג די מידקייט געװוּנדן און װיקלען, און אַ גאַנץ פאַר־שטאַרטע זי צום אָרט צוגעקלעבט. הינטער איר איז נאָך אין טיפן שלאָף געלעגן די שטאָט, און פאַר איר — שװערע, פײַכטע פינצטערנישן װי אין אַ אָפּגרונט.

שלום רוס

וואהין וועט זי גיין, העלקע?

פונדערווייטנס האָט די פינצטערניש זיך פּלוצים אַ וואַקל געטון, שיטערער געוואָרן. אַ פּאַס, אַ גראָער האָט ביסלעכווייז גענומען צייכנען די גרעניץ צווישן הימעל און ערד. די ביימער האָבן פאַוואָליטשקע אָנגעהויבן צו פאַרלירן זייערע צעיורענע געשטאַלטן, דייטלעכער געוואָרן, און דער פאַרבלאָטיקטער וועג ביי זייער צופיסנס איז שוין געלעגן אַ גרייטער עמעצן צו אומבעקאַנטע ווייטקייטן אַוועקצוטראָגן.

ווי אַ שאָטן האָט זיך העלקע אַוועקגעריסן פונם בוים, אַ מידן שפּאַן געטון צום מיטן פונם וועג, — און ווייטער נישט געגאנגען. אירע אויגן האָבן זיך גענומען שטאַרקער איינקוקן אין דעם אַלץ וואַקסנדיקן ליכט, געזען זיין אומאויפהערלעכן קאַמף מיט דער פינצטערניש, — און אַ האָפענונג, אַזאַ מין אומבאַקאַנטע האָט זיך פּלוצים אין איר האַרצן צעבליט. זי האָט מיט אַמאָל פאַרגעסן אָן דעם מידקייט פון אירע גלידער, אָן די צרות פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט, און אָן דער גרויסער שטאָט פון הינטער איר פּלייצע. זי האָט נאָר געזען ווי דער רוים ווערט אַ יעדער מאָל מער ליכטיקער און ברייטער, ווי דער ראַנד פונם הימל ווערט באַזוימט מיט אַ גולדענעם קראַנץ — און מיט אָפענע פול-גליקע אויגן איז זי אַנטקעגנגעגאַנגען דעם נייעם טאָג, — איר, העלקעס נייעם טאָג.

לעמבערג, 1934.

שנײשאַרערס.

I.

דער אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס עמעץ האָט אויף יענער זייט טיר גיך אָנגעקלאַפּט, האָט זיך מיט אימפּעט אַ וואָרף געטון אויף דאָדיעס פלאַקסער. און אים דעם שלאָף פון די אויגן אַראָפּ געטריבן.

— מ'קלאַפּט! עפן!

דאָדיע האָט אָן איבערלייגונג געוואָלט אַראָפּשפּרינגען פונם געלעגער, כדי אַ קוק צו טון ווער ס'קלאַפּט דאָרטן, אָבער די מיט פראָסט פאַרקאָוועטע פענצטער האָבן מיט אַ בייזער קעלט אויף אים אַ קוק געטון, אַזש אַ ציטער איז אים אַדורך איבערן לייב.

פון יענער זייט טיר האָט זיך ווידעראַמאָל דערהערט אַ גיך קלאַפּן. די קלאַמקע האָט זיך מיט אַמאָל אַ שטילן בויג געטון אויף אַראָפּ, און אין דערזעלבער רגע איז פון דער שפּאַרע, וואָס איז צווישן דער טיר און בריק, אַ לייכטער שאָרך געקומען, און אַ בלאָער קאָנווערט איז ווי אַן אונטערגעוואָרפענער, פאַרשעמט ביי דער טיר ליגן געבליבן.

— אַ בריוו?!

אין ערשטן מאָמענט האָט אים דער קאָנווערט פאַראינטערעסירט, אים ווי מיט נישט זעענדיקע הענט צו זיך אַ שלעפּ געטון, און ער איז שוין גרייט געווען אַראָפּצעקריכן פונם געלעגער, אים אויפצוהויבן. האָט ער זיך אָבער גיך איבערלייגט,

און אומבאַוועגלעך צוריק ליגן געבליבן, גלייך ווי ס׳איז גאָרנישט געשען. ווייל ווער קען אים האָבן אין זינען, און צו אים בריוו שרייבן? אַ חוץ דער הויז באַלעבאָס — קיינער. איז וואָסזשע זיך דאָ צו איילן צום באַלעבאָס בריוולעך, אַז זייער דראָענדיקן אינהאַלט קען ער שוין סייווי פונלאַנג אויף אויסנווייניק. „שיקט דירה-געלד! אַניט וועט זיין אַן עקסמיסיע!“

ער, דאָדיע האָט אָבער געוווּסט, אַז אין די ווינטער חדשים טאָר מען ביי אַן אַרבעטס-לאָזן קיין עקסמיסיע נישט אַדורכפירן, האָט ער דאַפאַר אויפן בריוו מער קיין קוק נישט געטון, נאָר איבערגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט, דעם קאָפּ פעסט איינגעגראָבן אין קישן, און מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צוריק צענויפצובינדן דעם שלאָף, וואָס איז אים פריער איבערגעריסן געוואָרן.

ס׳איז אים אָבער נישט געלונגען, דאָדיען.

ס׳בלאָקייט פונם קאָנווערט האָט זיך חוצפּהדיק אין זיינע אויגן פאַרזעצט, ווי אַ מחיצה געשטאַנען צווישן אים און זיין שלאָף. דער גלאַנץ זיינער האָט אים אומאויפהערליך געוועקט און ווי געבעטן: — נעם מיך אַוועק פון דער טיר? ס׳איז מיר דאָרטן קאַלט!

— קאַלט?!

ער האָט זיך ראַפּטעם אויפגעזעצט, מיט די בליקן זיינע אַרומגענומען די קאַלטע פוסטקייט פון דער שטוב, אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט אויף די פאַרפרוירענע פענצטער-שויבן, און אַ קעלט האָט פלוצים אַ ווייע געטון אויף זיינע פוס, גלייך ווי זיי וואָלטן נאַקעטע אויפן פראָסט געשטאַנען. מיטן וואַרעמען אָטעם פון זיין מויל, האָט ער אויף איינער פון די געפרוירענע שויבן אַ לעכל אויסגעבריט, דורך וועלכן ער האָט געזען אַ קליין פּיצעלע גאַס, לויפנדיקע, פון קעלט איינגעקאָרטשעטע מענטשעלעך, און ווייט-ווייט איבער אַלעמען אַ קליין ברעקעלע בלאָ הימל.

— בלאָ?!

ער האָט זיך מיט אַמאָל דערמאַנט אָנעם קאָנוווערט, וואָס ליגט דער טיר, און אַ רחמנות צו דעם האָט זיך פּלוצים אין זיין האַרץ דערוועקט, גלייך ווי צו עפּעס אַ לעבעדיקער זאַך. אפשר זי אַוועק גענומען פון דאָרטן און געבן אויפן טיש? ער האָט שוין געגרייכט נאָך די שיך, כדי זיי אָנצושטעקן, אָבער אין דערזעלבער רגע איז אַן איינגעהילטע אין אַ גראָבער שאַל, פון דער קיך אַרויס די אַלטע, און אָן אַ וואָרט צו זאָגן אַדורכגעשפּרייזט די שטוב, פּאַרנעמנדיק זיך צום אַרויסגיין אין גאַס. ביי דער טיר אָבער איז זי פּלוצים שטיין געבליבן, גלייך דער בלאָער קאָנווערט וואָלט איר דעם וועג געווען פאַרשטעלט. מיט נייגיר אין די אַלטע אויגן האָט זי אים פון דער ערד אויפגעהויבן, און מיט פול פאַרווונדערונג אים פון אַלע זייטן באַטראַכט.

— אַן אָפּענער גאָר און אָן אַ מאַרק? און צו קוקנדיק זיך בעסער צו דער אויפשריפט, האָט זי פּלוצים אַ שפּאַן געטון אויף צוריק, מיטן גאַנצן גוף זיך ראַפּטעם צו דאָדיעס געלעגער אויסגעדרייט און הויך שוין צוגעגעבן:

— ר'איז דאָך אויף אייער נאָמען אַדרעסירט! צו דאָדיע פלאַקסערן!

— צו מיר?

מיט גיריקע פינגער האָט ער דעם בלאָען קאָנווערט צו זיך אַ ריס געטון, און אַ ציטער פון אומרויִקייט האָט אַ שטראָם געטון דורך זיין לייב, גלייך זיינע הענט וואָלטן מיט אַמאָל פון עפּעס עלעקטריזירט געוואָרן. די בליקן זיינע האָבן הונגעריקע זיך אַ וואָרף געטון אויפן קיילעכדיקן זיגל, אין וועלכן די אותיות האָבן, שטייפע און אויסגעשטרעקטע ווי די לאָקייען מיט אַ ערנסט געמאָלדן: פונם אַרבעטס-פאַרמיטלונגס-אַמט!

— פונם אַרבעטס-פאַרמיטלונגס=אַמט?

ער, דאָדיע האָט זיך געפרווווט דערמאַנען וויפל חדשים ס'זענען שוין אַוועק זינט ער האָט זיך דאָרטן פאַרשריבן אַלס אַרבעטלאָזער. וויפיל פרימאָרגנס ער איז אַזוי אַ פאַרצווייפלטער

געלעגן אויפן געלעגער און מיט האַרצקלאַפעניש געוואַרט אויפן בריווטרעגער, אפשר וועט ער ברענגען פון יענע עפעס אַ פאַרשטענדיגונג וועגן אַן אַרבעט, וועגן עפעס אַ פאַרדינסט. און דערנאָך די אַלע אָנגעשוואָלענע טעג, ווען ער האָט זיך אַ צעבראָכענער פון גאָרנישט טאָן אומגעדרייט צווישן די תמיד מענטשן־פולע גאַסן, גלייך אַן איבעריקער, פון דער מענטשלעכער מחנה אַן אַרויסגעשטויסענער. ביזט אַ פאַרגעסענער, האָט אים די אייגענע שטים כסדר געקלונגען אין די אויערן, און די טריט זיינע אויף די האַרטע שטיינער האָבן ווי צו פּאַטאַקעוועט, אַ פאַרגעסענער, אַ פאַרגעסענער פון אַ יעדן.

און אָט האָט מ'זיך אָן אים דערמאָנט. אָן אים, דאָדיע פלאַקסערן און אים אַ בלאָען קאָנווערט געשיקט. אַ פאַרשטענדיגונג מסתמא, נאָר — וואָס ווילן זיי?

דאָסמאָל האָט ער שוין נישט געפּרוווט צו טרעפן. דער אייזערנער געדולד זיינער האָט זיך פּלוצים געגומען צעפּאַלן צעדרויבלט ווערן אויף פּיצלעך. אויף יענעמס אָרט איז אין דעמזעלבן מאָמענט געקומען די אומרויקע נייגיריקייט, דאָס גיכע וועלן וויסן — און אַ געל פּאַדרוקט שטיקל פּאַפּיר האָט זיך מיט אַמאָל ווי אַ געפּאַנגען פייגעלע צווישן זיינע פינגער צעפּלאַטערט.

נאָר שווער, זייער שווער איז עס אים אָנגעקומען אַדורכצולייענען.

די עטלעכע גלייכע פאַרדרוקטע שורות האָבן זיך עפּעס ווי אויף להכעיס, אַ יעדער מאָל געשיס, אַ יעדעס אות האָט באַזונדער זיך צעטאַנצט, מאָדנע קונצשטיק באַוויזן, אויף אַ קורצער ווײַלע דערנאָך, גלייך אַן אָפּגעמוטשעטער אויפן פריערדיקן אָרט זיך געשטעלט, כדי נאָך אַ קליינעם אָפּרו די זעלבע שפּיל ווידער אָנצוהויבן פונסניי.

אַ סך כוחות האָט עס אים געקאָסט די אותיות איינצושפּאַנען אין גלייכע שורות, און אַ סך צייט איז אַוועק ביז ס'איז

אים געלונגען זיי צו פֿאַרשטיין. און האָט ער זיי שוין איינמאָל אַדורכגעלייענט האָט אַ פּלוצומדיקער צווייפֿל אים געהייסן נאָכאַמאָל לייענען, און דערנאָך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. און וואָס לענגער ער האָט זיי געלייענט אַלץ מער פֿאַרבן האָבן זיין פּנים באַדעקט, אַלץ לעבעדיקער זענען זיינע אויגן געוואָרן, ביז די אָנגעזאַמלטע פֿרייד אין אים האָט ווי אַ גראַנאַט עקספּלאָדירט, און אים פֿונם געלעגער אַרויסגעוואָרפֿן. אַ האַלב נאַקעטער, און די אונטערוועש, האָט ער מיט באָרוועסע פֿיס אויף דער בריק געטאַנצט, און ס׳פֿאַרדרוקטע שטיקל פּאַפּיר דער אַלטער גלייך אין פּנים געשטופּט:

— איר זעט, מומע, ס׳איז דאָ! און ווייזנדיק מיטן פֿינגער אויף די אותיות, מיט שטאָלץ צוגעגעבן: אַרבעט! איר זעט, אַרבעט איז דאָ!

דער אַלטערס ליפּן האָבן פּלוצים אויפֿגעציטערט, געוואָלט עפּעס איבערפֿרעגן, עפּעס זאָגן, — נאָר ער האָט עס נישט באַמערקט. זיינע בליקן האָבן שוין נישט קיין צייט געהאַט זיך אָפּצושטעלן אויף איר פֿרעגנדיקער מינע, נישט געזען איר בלאַסן גרימאַס, נאָר איינעם שיפֿן שפּיגל פֿון אונטערן סופֿים די אייגענע געשטאַלט דערזען — און אַ בושה אַ פּלאָמיקע האָט זיך מיט אַמאָל אַ צעגאָס געטון איבער זיין לייב, גלייך עמעץ וואָלט אים ביי אַ נאַרישקייט געכאַפּט.

און אין דער אמתן, וואָס איז עס פּלוצים פֿאַר אַ דרייען זיך אַ נישט אָנגעטוענער און אַ באָרוועסער אין מיטן שטוב, דעמאָלט ווען ס׳וואַרטן נאָך אויף אים אַ סך זאַכן צו דערלעדיקן. און חוצדעם פּאַסט עס דען פֿאַר אַ דערוואַקסענעם, פֿאַר אַ מענטש פֿון אַרבעט צו ליגן ביז אַ זייגער עלעוו אויפֿן געלעגער, און דערנאָך ערשט אַ האַלב נאַקעטער ווי אַ פֿאַרשאַרט קינד איבער דער שטוב אַרומצוטאַנצן?...

גיך האָט ער, אויף זיך גענומען אַרויסשלעפֿן ס׳אָנגעטועכץ, מיט פֿלינקע פֿינגער, ווי זיך ערגעץ איילנדיק, באַשיכט די באָר-

וועסע פיס זיינע, — און אינאייינוועגס דערווייל, מיט דערזעלבער פרייד ווי אין אַנהויב געהאַלטן אין איין לייגעץ דעם אויפן טיש ליגנדיקן בריוו, כאָטש יענעמס אינהאַלט איז שוין פונלאַנג פעסט געזעסן אין זיין זכ־ון. „היינט ביינאַכט אַ זייגער צען זאָלט איר זיך שטעלן אויפן טעאַטער־פּלאַץ, ווו דער אויפזעער ה׳ איקס וועט אייך אָנווייזן וואָס צו טון. דער לוין אייערער וועט זיין דריי גולדן אַ נאַכט“. דריי גולדן אַ נאַכט? האָט ער דען שוין אַמאָל פון עמעצן באַקומען אַזאַ מין שיינע פאַרשטענדיגונג, ווי אָט די אָ? קען מ׳דען זיך פאָרשטעלן אַ בעסערן בריוו, וווּ אַ יעדעס וואָרט באַזונדער איז אַ ווונדערבאַרער קלאַנג, און אַלע אינאייינעם — אַ באַגייסטערט געזאַנג פון אַ ניי לעבן, פון אַ האָפנונג־פולער צוקונפט?

ס׳איז אים אָבער נישט באַשערט געווען, דאַדיען, צו גע־ניסן פון זיין פרייד ביז אַראָפּ. ויינע בליקן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט מיט אַ זיג־זאַג גאַנג פון אַ שכור געשפּאַנט צווישן די אויבערשטע פיל־צוזאַגנדיקע ווערטער, האָבן זיך פּלוצים אַ גליטש געטון אַראָפּ אַביסעלע נידעריקער צום אונטערשטן ראַנד פונם בריוו, און אַ קליינטשיק פאַרדרוקט שורעלע האָט זיך מיט אַמאָל ווי אַ קלין צווישן אים און זיין פרייד אַריינגעהאַקט: „אַ הילצערנעם שאַרער דאַרף מ׳האָבן אַן אייגענעם!“

אַ הילצערנעם שאַרער דעם שניי צו שאַרן — ווו־זשע וועט ער נעמען אַזעלכן? אַז קיין געלט האָט ער נישט, און פון דער שטוב עפּעס צו פאַרקויפן איז שוין אויך נישטאָ.

די אַלטע האָט באַמערקט די פּלוצלימדיקע ענדערונג אויף זיין פנים און אַליין זיך דערשראָקן. מיט אירע פייכט־פאַרלאָפענע אויגן האָט זי אַדורכגעלייענט די פּאָר קורצע ווערטער — און ביידנס בליקן זייערע האָבן אָנגעשטרענגטע גענומען לויפן איבער דער ענגשאַפט פון דער שטוב, געקראָכן אונטער די בעטן, גע־שפּרונגען אויף דער שאַפע און געזוכט, גענישטערט, אפשר וועט

זיך נאָך טרעפן עפּעס צום פּאַרקויפן; אפשר וועט זיין אויף אַ הילצערנעם שאַרער...

זיי האָבן אָבער מיטן הוילן קוקן גאָרנישט געפונען. אַלע זאַכן אין שטוב זענען שוין געווען אַלטע און צעפּאָרענע, און אַלע האָבן זיי ווי די זקנים ביים מינדסטן ריר מיט מורא אָפּגע־קרעפּצט: ריר מיך נישט! ער, דאָדיע האָט אָבער געמוזט זיי אָנ־רירן. ער האָט געמוזט אין זיי געפונען עפּעס צום פּאַרקויפן, ווייל אָן דעם קען אפשר פּאַרלוירן גיין די איינציקע מעגלעכקייט עפּעס צו פּאַרדינען, עפּעס, ווירמעט זיך צוריק אַריינצוקריגן אין די רייען פון די אַרבעטנדיקע.

און ער האָט געזוכט. געזוכט מיט האָרץ־קלאַפּעניש צווישן די אַלע לאַכעס אינעם הילצערנעם, פיר רעדערדיקן קופערט, מיט ברען, נישט מיד ווערנדיק געהאַלטן אין ארויס און אריינרוקן די שיפלאָדן פון דער צעהוידערטער קאָמאָד, און נישט געפונענדיק אין זיי גאָרנישט גיך אַריבער צו דער פון מוילן געשטיפּלטער שאַפע, זוכנדיק דאָ ווייטער, כאָטש אין מוח האָט שוין געגומען זיך צעוואַקסן דער ספק, צי פון דעם אַלעמען וועט נאָך עפּעס ווערן.

און פּלוצים, אַזוי אומפּאַרהאָפט האָבן זיינע פינגער אונטער אַ גאַנצן באַרג שמאַטעס עפּעס אַ האַרטע זאַך אָנגעגרייפט, עפּעס וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן ווי פאַרשטעקט און ווי געוואַרט אויף דער איצטיקער מינוט. ער האָט עס גיך פון דאָרטן אַרויס־געשלעפּט, מיט האַרץ־קלאַפּעניש עס צום טאָג־ליכט צוגעטראָגן, — און אין זיין האַנט האָבן זיך מיט אַמאָל געפונען צוויי אין לייוונט געבונדענע ביכער, צעגויפגעטולעטע איינס צום אַנדערן ווי דער־שראָקענע פונם שלאָף אויפגעוועקטע קינדערלעך. זייערע פאַר־דרוקטע, מיט גאָלד פּאַרצירטע רוקנס האָבן עפּעס אַזוי מאָדנע געגלאַנצט הינטער די גראָע פענצטער־שויבן, און שווייגנדיק, ווי שטומע עדות אָן עפּעס דערמאָנט: געדענקסט, דאָדיע פּלאַקסער, געדענקסט?!...

צו ער, דאָדיע געדענקט?... ניין! ער געדענקט גאָרנישט. גאָרנישט געדענקט ער, יענע צייטן, יענע טעג — זענען שוין פון לאַנג נישטאָ. אַהינגעקומען ערגעץ, אָפּגעמעקט געוואָרן, גלייך לעבנס פונלאַנג שוין פאַרגעסענע. געשטאָרבענע. — און ווער געדענקט עס אָן טויטע זאַכן? און חוצדעם וואָס פאַר אַ ווערט האָבן עס יענע פאַרגאַנגענע צייטן קעגן אָט דעם איינציקן היינטיקן טאָג? — גאָרנישט! היינט קומט דאָך פאַר דער איבערבוך אין זיין ביז איצטיקן לעבן. דער היינט איז דאָך די גרענעץ צווישן געוועזענעם — שלעכטן, און קומענדיקן — גוטן. ווייניקער צרות, קלענערע דאגות, אויס קאָפּ־דאַרעגישן — און דער עיקר — גישט געזאָרגט מומע! ס׳וועט זיין גוט! איר הערט — ס׳וועט זיין גוט!...

— גוט וועט זיין? — די אַלטע האָט אַ צאַפּל געטון, אָנגעשטעלט ס׳אויער עפּעס מער צו הערן, אָבער ער האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר גיך, ווי אַ שילער אַ כאַפּ געטון די ביכלעך אונטערן אָרעם, און אַרויס אין גאַס זיי אויף אַ היילצערנעם שאַרער אויסצוּבייטן.

II.

אַ סך, אַ סך פריער, כמעט דער ערשטער פאַר אַלע איז דאָדיע שוין געוועזן אויפן אָנגעצייכנטן פּלאַץ, און געדולדיק געוואַרט. שפּעטער אַביסל האָבן זיך פון פאַרשיידענע זייטן אָנגעהויבן צו באַווייזן איינציקע, שווער טרעטנדיקע אַרבעטער, — און ס׳ערשטע, וואָס ס׳האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן איז געוועזן זייער אויסזען, זייער טראַכט. אַלע זענען זיי געוועזן גראָב אָנגעטוענע, אין פאַרשיידענע שמאַטעס איינגעהילטע, מיט פיס — וואַרעם פאַרוויקלטע, — און אומגאַנצן האָבן זיי אויסגעזען ווי ברואים עפּעס פון אַ פרעמדער וועלט געקומענע.

ער, דאָדיע האָט זיי ווי אַ פרעמדער באַקוקט פון אַלע זייטן, זיך געוווּנדערט און נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס אַ יעדער האָט זיך עס אַזוי שטאַרק צוגעגרייט. איז דען אַזאַ שווערע זאַך

עטלעכע שעה אין דרויסן צו אַרבעטן, און דאָס נאָך אין אַזאַ מין לײכטער װינטער נאַכט װי די הײנטיקע? ער האָט זיך גע־פּרוּװט באַרוּיקן, געמײנט, אַז דאָס אָנפּעלצן זיך פֿון אַלעמען, איז נישט אויס מורא פֿאַר קעלט, נאָר בלויז פֿון געװוינהײט װעגן, אָבער די בליקן זײנע האָבן מיט חשד אַ קוק געטון אויף די אײגענע שװאַך באַשיכטע פֿיס, אויף דעם דיגעם, כמעט זומער־דיקן מאַנטל, — און אַ מורא, אַ שװערע האָט פּלוצים אַ פּאָכע געטון אין האַרץ און אַ בריי געטון אין מוח: איז דען מעגלעך אין אַזאַ מין אָנגעטועכץ איבערצוהאַלטן אַ גאַנצע װינטערדיקע נאַכט אין גאַס?

פּונקט צען אַ זײגער איז געקומען דער אויפֿזער. מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים האָט ער פֿון אַ נאָטיץ־ביכל אָנגעהויבן אַרויסלײענען אַ יעדנס נאָמען באַזונדער, און פֿעסטשטעלנדיק צולעצט, אַז אַלע זענען דאָ, האָט ער זײ װי שול־קינדער צו צװײ אויסגעשטעלט, און אַװעקגעפֿירט צו דער ברײטער גאַס, צו דער אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, װאָס אין סאַמע מיטן שטראָז האָבן זיך כמעט פּלײצע צו פּלײצע צװײ אַרבעטער אַנידערגעשטעלט, און אַזוי אָנגעהויבן צו שאַרן דעם שנײ, דער אין אײן זײט, און דער — אין דער אַנדערער.

אין אָנהויב האָט עס זיך געאַרבעט גאַנץ געשמאַק. אַלעמענס הענט, אויסגערוּעטע און מיט כוח אָנגעלאָדענע האָבן מיט איבער־געבנקײט געשאַרט, געריײניקט און געפּוצט דעם שטראָז, און הויפֿנס שנײיִקע האָבן זיך גיך צעװאַקסן, צעצויגן זיך לענג אויס בײדע זײטן גאַס, גלײך װענט פֿריש אויפֿגעשטעלטע. װאָס װײטער אָבער די אַרבעט איז געגאַנגען, װאָס נענטער די נאַכט האָט געגרײכט צום ברעג, אַלץ אָפּגעקילטער איז געװאָרן דאָס טעמפּאָ, אַלץ קלענער דער פֿלײס, אַזוי אַז ערגעץ אַרום צװײ אַ זײגער האָט חברה שוין מער געגלײכט די רוקנס װי געשאַרט דעם שנײ. אָפּרוּען זיך אָבער אומגאַנצן, כאָטש אויף אַ קורצער װײלע איז קײנעם נישט אײנגעפֿאַלן, אפֿילו אויפֿן געדאַנק נישט געקומען.

ווייל די געוואוינהייט פון איין זייט, און דער אויפזעער פון דער אַנדערער, האָבן שוין אַכטונג געגעבן, אַז ס׳זאָל דאָצו נישט קומען. האָט מען ווייטער אַזוי געאַרבעט, געשאַרט מיט מידע הענט דעם שניי, געררייכערט בשותפותדיקע ציגאַרן, — און געהאַט איין בשותפותדיקן געדאַנק: ווען וועט שוין ווערן טאָג?

אויך אים, דאָדיען האָט דערזעלבער געדאַנק געמאַטערט. אויך אים האָט ער אָן אַן אויפהער געפּלאָגט און געפּייניגט, נישט אָפּטרעטנדיק פון אים אפילו אויף קיין מינוט.

ווען וועט שוין ווערן טאָג?

אומזיסט האָבן געבלאָנדזעט זיינע בליקן איבער די פּאַר-שנייטע, ווי אין תכריכים אָנגעטוענע גאַסן, אומזיסט זיך געטולעט צו די פּאַרגליווערטע, ווי מצבות אויסגעשטעלטע הייזער, — און אין ערגעץ אָבער אפילו קיין סימן פונם אָנקומנדיקן טאָג געזען. אומעטים, און אויף אַלעמען איז געלעגן נאַכט. נאַכט און שלאָף.

און מאָדנע איז עס אים אויסגעקומען דאָדיען, מאָדנע און אומפּאַרשטענדלעך. דוכט זיך, אָט דאָ, נישט ווייט פון אים, עטלעכע שפּאַן נאָר שטייען פעסט אויסגעמויערטע הייזער, שיינע גרויס-שטאָטישע געבייען מיט אָן אַ שיער וואַרעמע, גוט באַהייצטע צימערן. און אַ יעדן איינעם דאָרטן איז וואַרעם און אָנגענעם, און קיינעם פון זיי חלומט זיך אפילו נישט, אַז דאָ אין דרויסן, נישט ווייט פון זייערע פענצטער שטייען מענטשן, וואָס ציטערן און פרירן — פון נאַכט און קעלט.

קאַלט.

פאַרשיידענע מיטלען האָט ער געפּרוווט אָנווענדן, כדי נישט צו דערלאָזן ס׳אויסוועפּן פון זיין קערפּערלעכער וואַרעמ-קייט. פאַרשיידענע קערפּערלעכע איבונגען האָבן געדאַרפט אים דינען די וואַרעמקייט נאָך צו פאַרגרעסערן, — נאָר געהאָלפן האָט עס כמעט ווי גאָרנישט. ווייל סיי ס׳קלאַפּן פון איין פיס אָן אַנדערן, סיי ס׳הוכצן וואַרימען אָטעם אין די הענט, און סיי אפילו ס׳גיכערע שאַרן דעם שניי, זענען נישט אומשטאַנד געווען

אראָפּ צוואָרפן די קעלט, וועלכע האָט זיך אַזאַ בייסיקע פּאַרזעצט אויף זיין גאַנצן קערפּער און געבראָכן דאָרטן און געריסן, גלייך הינט מיט שפּיציקע ציין.

קאָלט.

אַ ציטער האָט זיך פּלוצים אַ דריי געטון אַרום זיינע קניעס, ווי אויף ציינערנדיקע רעדערלעך זיך געקוילערט איבער זיי אַרויף און אַראָפּ, און גיך אַזויווי געקומען — צוריק פאַר־שווינדן. און דערנאָך איז עס געקומען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און אַ יעדער מאָל שטאַרקער געמאַכט די ווייטיק אין די פיס, און גרעסער די קעלט אין לייב. אים האָט זיך מיט אַמאָל אויס־געדוכט, אַז זיינע פיס שטעקן ערגעץ אין אַ קאַלטער באַיורע וואַסער, וואָס פרירט און ציט זיך צענויף, און מאַכט זיי שטייף, ווי מיט אייז באַלייגט.

ער פרירט! און דער געדאַנק האָט ווי מיט אַ האַמער אים איבערן קאָפּ דערלאַנגט, ער פרירט. קודם אין די פיס, דערנאָך וועלן קומען די הענט, די ווייטערע טיילן פונם קערפּער, ביז פון אַלעמען וועט ווערן איין שטיק אייז; איין שטיק — און אויס.

און ער וועט גאָרנישט טון דאַצו? און די מורא האָט פּלוצים אַ קאַלטן שוויס אים אויפן שטערן אַרויסגעקוועטשט. און ער וועט אַזוי שווייגן און פּאַוואָלע דערווייל דאָ אויסגיין ווי אַ פאַרשטויסענער ערגעץ אין מיטן גאַס אויפן שניי?

ער ווייסט דאָדיע, אַז אַ קליין ביסעלע וואַרעמקייט וואָלט אים געקענט נאָך ראַטעווען. אָט נאָר אַ קליין ביסעלע, וואָס זאָל כאָטש אויף אַ קורצער ווילע פאַרטרייבן פון זיינע גלידער די קעלט, און זיי צוריק אויפלעבן, מיט פרישן כוח אָנפילן.

און הילפלאָזע זענען זיינע בליקן נאָכאַמאָל געלאָפן צו די שוואַרצע, פאַרשלאָסענע פענצטער, און וויינענדיקע מיט פול צער אין זיי געקלאַפּט: מענטשן! אַ קליין ביסעלע וואַרעמקייט גיט! מענטשן! קיינער אָבער האָט זיין געבעט געהערט, און קיינער — זיין גרויסן ווי געזען. אַלע די אויבן אין די שטיבער זענען זיך

ווייטער אומגעשטערט געשלאָפֿן, און אַלע די אונטן אין גאַס האָבן ווייטער געאַרבעט, שווייגנדיק אָפּגעקערט פֿון טויטע גאַסן דעם שניי, איבערלאָזנדיק אויף זיין אָרט הויפֿנס אויסגעלאָשענע, מענטשלעכע כוחות.

און אַזוי האָט מען געאַרבעט אַ יעדער מאָל מער און מער, מיט קורצע טריטצלעך זיך גערוקט אַ יעדער מאָל ווייטער און ווייטער, ביז פֿון די לאַנגע אָפּגערייניקטע גאַסן איז געוואָרן אַ טונקלער קנויל, אַ פֿאַרהילטער מיט שלאָפֿנדיקן שאָטן.

און אָט פּלוצים האָט דער אויפֿזעער אויפֿגעהויבן אַ האַנט און די אַרבעט ווי מיט אַ מאַגיש שטעקעלע אָפּגעשטעלט. ווידעראַמאָל האָבן די אַרבעטער זיך אויסגעשטעלט צו צוויי אין דער ריי, שווייגנדיק די הילצערנע שאַרערס אויף די אַקסל פֿאַרלייגט, — און אויף אַ ווייטערן צייכן געוואַרט. אין דער צייכן איז תיכף געקומען. דער אויפֿזעער האָט די האַנט באַלד נאָכגעלאָזט, מיט פֿאַרשלאָפֿענע אויגן אַ קוק געטון צי אַלץ איז שוין צוגעגרייט, — און מיט שווערע סקריפּנדיקע טריט געגומען גיין פֿאָרויס, מיטשלעפּנדיק אַלע נאָך זיך.

וואַהין? האָט קיינער נישט געוווסט. ס'האָט אויך קיינעם נישט אינטערעסירט צו וויסן — וואַהין. ביי זיי איז עס דאָך קיין שום אונטערשיד נישט צי דאָ, צי דאָרט — אומעטום טוט מען דאָך די זעלבע אַרבעט. אומעטום ברעכן גלייך די פּלייצעס, און אומעטום טרעפֿט מען די זעלבע פֿאַרשלאָפֿענע, מיט שטעכעדיקער קעלט אָטעמדיקע ווינטער-נאַכט.

נאַכט?

אין געסל ווו דער אויפֿזעער האָט זיי איצט אַריינגעפֿירט און ווי אין אָנהויב געהייסן זיך שטעלן פּלייצע צו פּלייצע, כדי דעם שניי איןביידע זייטן צו שאַרן — איז אָבער קיין נאַכט ווי ערגעץ אַנדערש נישט געווען. דאָ איז די טונקלקייט געלעגן אַ צעריסענע, אַ צעשטיקלטע, פֿון העל באַלויכטענע פֿענצטער אַ צעגעסענע. פֿאַסן ליכטיקע האָבן זיך דאָ ווי מיט גאָלד באַזיימטע

דיוואַנעס איבער דער ברייטקייט פונם געצעל געשפּרייט, און הויפנס פּיצעלעך שנייעלעך צו פינקלדיקע ברילאַנטן פאַרכשופט.

מיט אויפגעריסענע אויגן פון פול באַוווּנדערונג האָט חבֿרה געקוקט אויף דעם זעלטענעם בילד — און געגאַפט: אַזויפיל ליכט. אַזויפיל ליכט, און — פונוואַנען?

פונוואַנען? — און דער גרינער נעאַן איבערן אויסגעפּוצטן טויער האָט זיך דיסקרעט צעשמייכלט: פון קאַפּע צענטראַל!

אַהאַ! פון קאַפּע צענטראַל. פון דאָרטן, ווו דער טאָג איז קיין טאָג, און נאַכט — קיין נאַכט נישט. פון דאָרטן, ווו די אין זיידנס אויסגעפּוצטע פּוסטקייט דערשלאָגט איר צייט מיט לאַרמדיקן דזשעס, און די ליידיקייט — מיט שוימנדיקן געטראַנק?

מיט אַ שפּיי אויף די פאַרהענטשקעטע הענט האָבן אַלע זיך אַ נעם געטון צו דער אַרבעט, פאַרגעסנדיק מאָמענטאַן אָנעם העל-באַלויכטענעם קאַפּע-הויז מיט זײַנע באַנאַכטיקע געסט. דער געדאַנק, וואָס האָט זיי געפּלאָגט אויף יענע גאַסן, ווען ס'וועט שוין ווערן טאָג, האָט זיך דאָ ווידער אויף זיי פאַרזעצט און געעקבערט אַ יעדנס מוח, געעקבערט — ביז צו ווייטיק. אויך דער אויפזעצער האָט זיך פאַרשטיפט ערגעץ-ווו אין אַ ווינקל, פאַרהילט זײַן אָנגעפּעלצטן ברייטן גוף אין געדיכטער טונקלקייט, און מיט פאַרמאַכטע אויגן געקלערט פונם באַלד אָנקומענדיקן טאָג.

איינער אָבער פון זיי איז געשטאַנען ווי פריער אויפן זעלבן אָרט — און זיך נישט גערירט, איינער — דאָדיע פלאַקסער. מיט אַ פאַרחמטן בליק פון עפּעס אַ טעמפּער גלייכגילטיקייט האָבן זײַנע בליקן געבלאָנקעט איבער דעם ליכטיקן אַרומעט, און כמעט גאָרנישט געזען. נישט די חבֿרים שנײַשאַרער האָבן אים איצט אינטערעסירט, און נישט די טאַנצנדיקע שאָטנס אויף די העל באַלויכטענע קאַפּע-הויז פענצטער. זײַן גאַנצע אויסמערקזאַם איז איצט געלעגן אויפן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר, וואָס איבערן

אויסגעפוצטן טויער, און זיין גאַנץ געהער איז געווען איינגעגעסן אין יענעמס שטילן אומאויפהערלעכן זשומען.

— הערסט, דאָדיע פלאַקסער! הערסט! זיי דאָרטן איז וואַרעם אפשר צופיל וואַרעם. זייערע פיס זענען שווער פון טאַנץ, זייערע מוחות — פאַרטונקלט פון געטראַנק, און זייערע קערפּער שוויצן און קילן זיך, קילן זיך און שוויצן גלייך אויף דער פלאַזשע אין אַ הייסן זומער-טאָג.

— זיי דאָרטן איז הייס. אפשר צופיל הייס. זיי ברענען פון היץ און דאַפאַר דאַרפן זיי דעם ווענטילאַטאָר, וואָס בלאָזט אויף זיי מיט לייכטן ווינט און מאַכט זייערע לייבער פרישער, לעבע-דיקער מיט אַנגענעמער קילקייט.

— זיי דאַרפן איצט קילקייט. פרישע לופט דאַרפן זיי, כדי זיך פון דעם צו פילן שטאַרקער, געזונטער — און דו, דאָדיע פלאַקסער?

ער ווייסט נישט, דאָדיע, פונוואַנען ס׳האָט זיך פלוצים גע-נומען צו אים אין קאָפּ אַזויפיל היץ. זענען דאָך זיינע אַלע אַנ-דערע קערפּער-טיילן שוין כמעט אומגאַנצן פאַרשטאַרט און גע-פרוירן. זאָל עס זיין, אַז די גאַנצע וואַרעמקייט פון זיינע פיס, הענט און פלייצע איז נישט געוואָרן אויסגעוועפּט פון דער קעלט, נאָר אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין קאָפּ כדי ביי דער ערשטער געלעגנהייט צוריק זיך אומצוקערן צו זיי?

אַ פונק פון אומדערוואַרטעטער פרייד האָט פלוצים אין זיין מוח, ווי אַדורכלויפנדיקער מעטעאָר אויפגעשיינט, און ס׳האַרץ מיט נייער האָפענונג אָנגעפולט. הייסט עס, אַז נישט אַלץ איז נאָך פאַרלוירן, נישט אַלץ. מיט אַ קליין ביסעלע וואַרעמקייט קען נאָך אַלץ צוריק גוט ווערן. נאָר מיט אַ קליין ביסעלע וואַרעמקייט.

פון דערווייטנס, פון הינטער יענער גאַס אַפיר האָבן זיך פלוצים דערהערט טריט. קודם שטילע צעיורענע, דערנאָך שוין אַביסעלע העכערע דייטלעכערע — און פון דער טונקלקייט אַרויס האָבן זיך מיט אַמאָל גענומען דערנענטערן צוויי גע-

שטאַלטן, ביידע צו זיך שטאַרק צוגעטוליעטע און ביי די הענט זיך האַלטנדיקע, ווי קינדערלעך קליינטשיקע צוויי.

זי האָט געטראָגן ווייסע פּאַנטאָפּעלעך, אַ לאַנג שוואַרץ קלייד און אַ קורצן מיט פּיטער באַזוימטן מאַנטל, און ער — אַ ברייטן אויפגעקנעפּלטן פּעלץ, אַ ווייס-פּלאַטערנדיקן שאַלעק און גלאַנציקע לאַק-מעשטעס אויף די פיס. ביידע זענען זיי געווען מיט אַנטבלויזטע קעפּ — און ביידע האָבן זיי מיט לאַנגסאַמע טריט געטרעטן אויפן ווייכן שניי, גלייך אויף גריגעם גראָז אין אַ וואַרעמער פרילינג-נאַכט.

זיי גייען אַהער. און די בליקן דאַדיעס, האָבן זיך אין זיי איינגעגעסן, גלייך יענע וואָלטן אים אַ הילף געברענגט. זיי גייען אַהער! אין קאַפע-הויז גיין זיי! און שוין איז אין זיין צעהיצטן מוח געלעגן גרייט אַ פּלאַן. ער וועט דער ערשטער צו צום טויער, אויסוואַרטן דאָרטן ביז ס'פּאָרפּאָלק וועט אַהין אַריין, און דערווייל פון דער אָפענער טיר נעמען אויף זיך די אַרויספליענדיקע וואַרעמקייט, אַרומוויקלען זי אַרום זיך וויפל ס'וועט זיך נאָר לאָזן. עפּעס וועט עס דאָך מסתמא העלפן.

און ער האָט מיטאַמאָל אָוועקגערוקט דעם הילצערנעם שאַרער פון פאַר זיך, געפּרוווט מאַכן אַ שפּאַן פאָרויס, און נישט האָבנדיק מער קיין אָנשפּאַר לעבן זיך, מיטן גאַנצן קערפּער זיך אַ הוידע געטון, אַ טרעסע דאָ אַהער, דאָ אַהין, גלייך אַ ליידיקע זאַנג אויפן ווינט. ס'איז נישט געגאַנגען. די פיס ביי אים זענען געווען שווערע און געפרוירענע און אַ יעדער שפּאַן מיט זיי האָט מיט פילפאַכיקער ווייטיק אים אין קאָפּ אָפּגעהילכט. שוין געפרוירן? די שרעק האָט אים אַ שטיפּ געטון פאָרויס, געריסן די געליימטע פיס אַ יעדער מאָל ווייטער און ווייטער, — און איז ער שוין נאָך גרויסער מי יאָ צוגעקומען צום טויער — איז שוין נישט געווען צו וואָס. פון יענעם פּאָרפּאָלק איז שוין אפילו קיין סלעד געבליבן. דער טויער איז צוריק געווען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן,

און איבער אים איז ווייטער געהאָנגען די פון ליכט צעשפּאָלטענע נאַכט אַ רויקע, אַ פּראָסטיקע אַזויווי פריער.

צו שפּעט — דאָדיע! צו שפּעט? — און די ווייטיק פונם פריערדיקן שפּאַנען האָט זיך מיט כוח גענומען צושפּילן אין זיין פּלייצע, מיט אַן אומגעהויערער גיכקייט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן קערפּער און געציפּט דאָרטן און געריסן ווי עמעץ מיט הונדערטער באַנעגלטע הענט.

איז דאָס שוין דער סוף? און דער צעהיצטער מוח האָט פּלוצים גענומען קלאַפּן אויף אַלאַרם: ראַטעווע דיך! ראַטעווע דיך כל-זמן ס'איז נישט שפּעט! זיי דאָרטן האָבן צופיל וואַרים-קייט. הינטער שלאָס און ריגל זיך מיט איר פאַרמאַכט. נעם עס ביי זיי צו! מיט געוואַלט נעם עס צו! — און די פאַרשטאַרטע פינגער זיינע האָבן זיך מיט אַמאָל פעסטער אַרומגעוויקלט אַרום הילצערנעם שאַרער, מיט מי און אָנשטרענגונג אים צו דער הויך אויפגעהויבן, און מיטן לעצטן ביסל כוח אים אין נאָענסטן פענצטער אַריינגעשליידערט.

אַ בראַזג פון צעטראַסקעט גלאָז האָט זיך פּלוצים איבער דער גאַס צעשיט, און די שטייענדיקע לופט ווי מיט אַ שטאַרקער האַנט צעשאָקלט. שטים, ווי פאַרווייטיקט פונם אומפאַרהאָפטן קלאַפּ האָט ס'צעשלאָגענע פענצטער געקוקט צו דער טונקלקייט און פון איר אינצרווייניק ווי פון אַן אָפענער ווונד מיט וואָלקנס גראָער פאַרע געצייטערט. און די פאַרע האָט אַ פייכטע ווי פונם באָד-קעסל אַרויס זיך גלייך צו דער הויך געריסן, ווי אין אַ נעפּל דאָדיעס קאָפּ פאַרוויקלט און פון דעם אים נאָך שווערער און הייסער געמאַכט. ער, דאָדיע האָט זיך געפּרוווט ביי איר וואַרעמען, מיט אַן אָפן מויל געוואָלט די וואַרעמקייט אין זיך איינשלינגען, און פון דעם אַלעמען נאָר אַן אָנמעכטיקייט און חלשות אויפן האַרצן געפילט. די וואַרעמקייט איז פון אים אַנטלאָפן. אַנטלאָפן און אויסגעמיטן זיינע געפרוירענע פיס, זיין פאַרקילטע פּלייצע, און פאַרשטאַרטע הענט. ער האָט זי געפּרוווט פאַרהאַלטן;

איר דעם וועג געוואָלט פֿאַרשפּאַרן, און מיט אויפֿגעהויבענע הענט ווי אַן אומטערגעשניטענער פּלוצים אָן אַ קרעכץ אויפֿן ווייכן שניי געפֿאַלן.

און שטיל איז געוואָרן זיין צעהיצטער מוח, שטיל זיינע פֿאַרלאַנגען, שטיל ווי בשעת אַ שטאַרקן שלאָף.

און נישט נאָר אין אים און אַרום אים איז געווען שטיל, נאָר אויך איבערוויינינק אין קאָפּ־הויז האָט זיך די שטילקייט צעלייגט ווי אויף אַ פּוסטן פֿעלד. אויסדעקאָלטירטע דאַמען האָבן ווי העזלעך געציטערט אין די אָרעמס פֿון בלאַסע קאַוואַלירן, און אויסגעגלאַנצטע מוזיק־אינסטרומענטן זענען ווי דערשטיקטע געלעגן אין פֿאַרשטאַרטע מוזיקאַנטן־הענט. דערשראָקענע זענען אַלעמענס בליקן געהאַנגען אויף דער צעטראַסקעטער שויב, און מיט שפּאַנונג געוואַרט אויפֿן ווייטערן גאַנג פֿונם געשעעניש. ס'איז אָבער מער גאָרנישט געשען. און דעמאָלט ערשט איז דער רעש אויפֿגעשטאַנען, ווי אַ משוגענער זיך אַ ריס געטון פֿונם אָרט און מיט געוואַלט זיך שוין געדרייט אין זאַל.

וואָס איז געשען? וואָס איז געשען?

שוואַרץ־פּראַקירטע קעלנער מיט ווייסע סערוועטן אונטער די אָרעמס זענען פֿאַרטומלטע געלאָפֿן איבערן זאַל, געזוכט אָן אַן אויפֿהער מיט וואָס פּ'מענצטער צו פֿאַרשטעקן, און אַליין שטאַרק איבערגעשראָקענע מיט קנאַפּ איבערצייגנדיקע רייד געפּרוווט אַ יעדן באַרויקן. נאָר שרעק איז אַ שווערער גאַסט; נישט מעגלעך אים אַזוי גיך צו פֿאַרטרייבן; אפֿילו נישט ביי די קלאַנגען פֿון מוזיק. האָט זיך דאַפֿאַר קיינער נישט געלאָזט כאַפּן פֿונם לאַקנדיקן אָרקעסטער, מורא געהאַט זיך איינצושפּאַנען אינם ריטם פֿון פֿרישן טאַנץ — נאָר מיט אויסבאַלושעטע אויגן ווייטער געלאָפֿן איבערן זאַל, און געהאַלטן אין איין פֿרעגן: וואָס איז געשען? ערשט דעמאָלט האָט זיך פּלוצים איינער פֿון די קעלנער אָנגעבלאָזן מיט מוט, אַרויס מיט גיכע שפּאַן אין גאַס, און אַן אויפֿגערעגטער געקומען דאָרטן געוואָלדעווען:

— איכ'ל אייך ווייזן — איר קרווישע זין! איכ'ל אייך ווייזן, וואָס הייסט שטערן די עפנטלעכע רו! ביי מיר וועט איר אַלע פאַרפוילט ווערן אין קרימינאַל! אין קרימינאַל וועט איר ביי מיר פאַרפוילט ווערן, איר הינט — פאַרשיווע!

ווי שטיינער שווערע האָבן יענעמס רייד געשניטן די טונקל־קייט, און האַרטע געפאַלן אויף די שניישאַרערס קעפ, דרוקנדיק זייערע געמיסער ווי מיט שווערע הענט. אויף אַלעמענס ליפּן איז געלעגן אַן ענטפער, אַזויווי אַ פייל אַ שפּיציקע גרייט צום אַרויספליען, — און קיינער האָט דאָך גאָרנישט געזאָגט; אפילו קיין וואָרט נישט. זיי האָבן געשוויגן און מורא געהאַט אָפּצו־ענטפערן. זיי האָבן געוווסט, אַז פון ריכטיק אָפּענטפערן, אַזויווי עמעץ האָט עס זיך פאַרדינט, קען קומען צו אַ קריגעריי, און פון קריגערייען ביז אַוואַנטורעס — איז אַ גאַנץ קליינער שפּאַן. און וואָס ס'קען ווערן פון אַן אַוואַנטורע אין מיטן דער נאַכט בשעת דער אַרבעט — איז ליבערשט נישט צו קלערן. דאָ ריידט שוין ס'זעקסטע געפיל; ס'געפיל, וואָס איז תמיד וואַך — און הייסט מורא; מורא פון פאַרלירן אַרבעט — און ברויט. און דערפאַר האָבן זיך זייערע פלייצעס נאָך טיפער געבויגן אַראָפּ; זייערע הענט האָבן נאָך גיכער געשאַרט מיט די שאַרערס, גלייך ביי זייערע פיס וואָלט נישט געלעגן קיין שניי, נאָר אַלע זייערע אָנגעזאַמלטע דאגות און צרות.

אויך דער אָנגעפעלצטער אויפזעער איז אַן אויפגערעגטער געשטאַנען אין זיין ווינקל, — און אויך ער האָט געשוויגן. ער איז שטאַרק אויפגעבראַכט געווען אויף די איינגעהויקערטע אַר־בעטער, אויפן פיסקאַטן קעלנער, — און דער עיקר אויף דער פראָסטיקער נאַכט, וואָס ציט זיך אַזוי און שלעפּט זיך אָן אַ סוף. וואָס אַ שטייגער וואָלט ער איצט געטון, ווען ס'פאַלט אַהער פּלוצים אַראָפּ אַ קאָנטראָלער? מיט וואָס וואָלט ער זיך פאַר אים פאַרענטפערט?

און אָט האָט פּלוצים איינער פון די אַרבעטער זיך אַרומ־

געקוקט, אַ דריי געטון מיטן קאָפּ אַהין–אַהער, און שטיל ווי זיך אַליין אַ פרעג געטון: — און דער נייער — דער נייער וווּ איז? זיינע בליקן האָבן אומרויִקע געבומען לויפן אין אַלע זייטן, געשפּרונגען גיך צווישן די אַרבעטער, געזוכט מיט שרעק אַן ענטפער אויף דער פראַגע — און פונדערווייטנס לעבן אַ בערגל שניי אַ שוואַרצן פלעק דערזען.

— וואָס איז דאָס?!

ווי מיט בייטשן שניידיקע האָט די שרעק פּלוצים אַ טרייב געטון זיינע פיס, ווי אויף פליגל אויסגעשפּרייטע אים אַ טראָג געטון צו יענעם אָרט, — און שוין האָט ער געקנייט לעבן יענעם אויפן שניי. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער דעם פאַרחלושטנס קאָפּ אַביסל צו דער הויך אויפגעהויבן, און מיט אַ דערשטיקט געשריי אַ רוף געטון:

— אַהער, חברה, אַהער!

חברה האָט זיך דערשראָקן. אינסטינקטיוו דערפילט, אַז דאָרטן איז עפּעס שלעכטס געשען, און אַוועקוואַרפנדיק אָן אַ שום איבערלעגונג די הילצערנע שאַרער, גיך געלאָפן יענעם צו הילף. זיי האָבן מיטאַמאָל פאַרגעסן אָנעם פאַרשטעקטן אויפזער, אָנעם קאָנטראָלער, און אפילו אָן די פאָלגן, וואָס קענען פאַר זיי קומען פאַרן פאַרלאָזן אָן אַ דערלויבעניש דעם אַרבעט-פּלאַץ. אויך די געשרייען און קללות פונעם אויפגערעגטן קעלנער האָט זיי שוין נישט מער געאַרט. זיינע ווערטער זענען שוין איצט ווי הוילע קלאַנגען געפאַלן איבער זיי און ווייטער פון זיי. זיי, די אַרבעטער, האָבן נאָר געזען דעם חבר, וואָס איז פאַר זייערע פיס געלעגן אַן איינגעקאָרטשעטער, אַ פאַרגליווערטער, אָן אַ סימן פון לעבן. אים ראַטעווען — דאָס איז איצט געווען זייער פאַר-לאַנג.

און זיי האָבן אים געראַטעוועט. געראַטעוועט מיט וואָס און וויאַזוי ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. מיט שניי איינרייבונגען אויף די פאַרפרוירענע אברים, מיט אַ קינצלעכן אָטעמען אין די לונגען, און

מיט אַ הוידען און שאָקלען דעם גאַנצן גוף. אַלע האָבן זיי אַרום אים געאַרבעט. אַלע האָבן זיי אַרום אים געציטערט, זיך געשראָקן, צי זייער אַרבעט איז נישט קיין אומזיסטיקע, און אַ יעדער באַזונדער האָט נישט פרעגנדיק אפילו פאַר וואָס, אים געגעבן אַביסל פון אייגענע כוחות, כמעט אַ שטיקל פונם אייגענעם לעבן.

און אַזוי איז עס אַוועק עטלעכע לאַנגע, שווערע מינוטן. טרויריקע געדאַנקען האָבן זיך ווי פלוצים אויפגעוועקטע פייגל, אין אַלעמענס מוחות געגומען דרייען, מיט וויטיקפולן צוויפל אַ יעדנס האַרץ אָנגעפולט, און אַן אָנמעכטיקייט אַ יעדן אויף דער פלייצע געלייגט. נאָר די הענט נאָך אַליין האָבן אַזויווי פריער ווייטער געאַרבעט, ווייטער, נישט אונטערגעבנדיק זיך דער אָנמעכטיקייט פון די איבעריקע אברים. און איז עס זיי צולעצט נאָך גרויסער מי געלונגען פון דעם פאַרחלושטן קערפער אַ ציטער אַרויסצוברענגען, איז תיכף דערזעלבער ציטער, ווי אַ בליץ אויך אויף זייערע אייגענע קערפערס אַרויף, — און טרערן פון צופרידנקייט פון אַלעמענס אויגן אויסגעקוועטשט. אַ יעדן פון זיי האָט עס זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז ער אַליין אַזוי געלעגן אַ פאַרחלושטער, אַ פאַרפרוירענער אויפן שניי, און דאָס האָבן אים אַזוי די חברים געראַטעוועט.

און די צופרידנקייט פון דעם איז ביי זיי פלוצים צו אַ גרויסער פרייד איבערגעגאַנגען, צו אַ פרייד עפעס אַזאַ מין אַנגענעם וואַרעמע, נאָך קיינמאָל קיין געפילטע.

און די פרייד זייערע איז געוואַקסן, גרעסער געוואָרן און הייסער, ווי די ים-כוואַלעס אומגעצוימטע זיך אין אַלע אברים געגאָסן, און מיט ברידערלעכער ליבע פון פול געזונטע האַפּענונגען דעם נייעם חבר געמוטיקט: — נישט געזאָרגט חבר! די נאַכט וועט באַלד אַוועק; און דער מאָרגן — דער מאָרגן געהערט צו אונדז.

לעמבערג, 1935.

אַ בריוו.

I.

— זאָלסט נישט פאַרגעסן צו שרייבן! האָט אים די מאַמע אין דער לעצטער רגע נאָכגעשריגן — זאָלסט נישט פאַרגעסן!...

מיט אַן אָפּגעהאַקטן פייף האָט דער לאָקאָמאָטיוו אַ ריר געטון פונעם אָרט, און ער, בערל שטייענדיק לעבן אָפענעם וואַגאָן-פענצטערל, האָט צוליבן קלאַפּן פון די רעדער שוין נישט געהערט די ווייטערדיקע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט אים נאָכגעשריגן, נאָר דערזעענדיק די ווייטיקפולע גרימאַסע אויף איר פאַרוויינט פנים, האָט ער שוין געוווסט וואָס אַזוינס זי האָט געזאָגט. אויף די אויגן זיינע האָט זיך מיט אַמאָל צעלייגט אַ לייכטער נעפל, און אין האַלדז ביי אים איז עפּעס שטעקן געבליבן, גלייך אַ ביסן, וואָס מ׳קען נישט אַראָפּשלינגען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער האָט זיך מיט דער מאַמען פאַרגעסן צו געזעגענען, פון איר אַן אַ זיי-געזונט אַוועק.

דער צוג האָט זיך אַ פאַרנעם געטון אויף רעכטס, דורך דער ברייט אַדורכגעשניטן דאָס קליינע סאָסנע-וועלדל, און דערנאָך שוין גלייך מיט דעם גראָ-פאַרשטויבטן, קייזער-וועג געלאָפן ערגעץ-ווו צו אומבאַקאַנטע ווייטקייטן.

צום לעצטן מאָל האָט ער, בערל אַ קוק געטון צו יענעם גרינעם טאָל, ווו צווישן גרין-געלע גערטנער און ברייט צעצווייגטע קעסטן-ביימער, ליגן צעוואָרפן די הייזלעך פון זיין שטעטל. ווי צוויי אויסגעשאָסענע פיילן רייסן זיך זיינע בליקן דורך דער

געדעכטקייט פונם גרינעם פלויט, כדי נאָך איינמאָל כאָטש אַ קוק טון אויפן אָרט, וווּ ער האָט אַ פערטל פון זיין לעבן פאַר-בראַכט. ס'איז אים אָבער שווער דאָס אָרט צו געפונען, ווייל דאָס שטעטל האַלט זיך פון אים אין איין אָוועקרוקן און דער-ווייטערן, און ס'איז שוין אפילו קיין סימן נישטאָ פון עפּעס אַ הייזל אָדער אַ גערטל. אַלץ דאָרטן האָט זיך אויסגעמישט, און איינאייגעם זיך צעגויפגעגאָסן צו אַ געדיכט נידעריק וועלדל. נאָר אַליין דער הויכער ווייס-בלעכענער שול-דאַך, וואָס האָט פון גאָרגיִשט געקאָנט פאַרדעקט ווערן, גלאַנצט איצט נאָך אינם ליכט פון דער פאַרגייענדיקער זון ווי אַ זילבערנע אָזיערע אין דער מיטן פון אַ הויך-גראָזיקער לאָנקע.

לאַנג נאָך איז ער אַזוי געשטאַנען ביים אָפענעם וואַגאָן-פענצטערל, לאַנג נאָך געקוקט אַהין צו יענעם גרינעם טאָל, כאָטש קיין בענקשאַפט אין האַרצן האָט ער צו יענעם אָרט נישט געפילט. ס'האָט אים גיכער געפרייד, זעענדיק ווי דאָס שטעטל קאָרטשעט און קוועטשט זיך צענויף פאַר זיינע אויגן אַ יעדער מאָל מער און מער, כדי באַלד אומגאַנצן צו פאַרשווינדן, ווי אָפּגעמעקט. פאַר אים איז איצט אויסגעוואָקסן אַ גערוימער האַל-בער האָריזאָנט מיט גלייכע, ווי מיט פאַרביקע געוואַנטער אויס-געלייגטע פעלדער. אַ רויק ווינטל האָט זיך פון ערגעץ-ווו אָפּ-געריסן און אים, בערלען, ביים פּנים אַ גלעט געטון: ביסט פריי, בערל!

מיט פינעוו-און-דרייסיק קילאָמעטער אין דער שעה האָט אים דער צוג צו אַ נייער וועלט געטראָגן, וווּ דאָס לעבן האַלט אין איין קאָכן ווי אין אַ קיינמאָל זיך נישט פאַרלעשנדיקן קעסל, און וווּ אַלץ איז פון שטאָל און שטיין געמאַכט. אַלץ? ער, בערל ווייסט, אַז מענטשן זענען תמיד ענלעך צו דער סביבה, פונוואַנען זיי קומען, אָבער דרינגען פון דעם, אַז גרויסשטאָטישע מענטשן זענען האַרט ווי שטיין קען מען אויך נישט. ס'זענען זיכער דאָ פאַרשיידענע. און פול מיט גוטע האָפענונגען האָט ער זיך אַוועק-

געזעצט אויף איינער פון די גאַל אָפּלאַקירטע בענק, כדי אַזוי שוין צו וואַרטן אויף דער באַגעגעניש פון דער גרויסער שטאָט.

II.

פאַרסאַפּעט, ווי אָפּגעמוטשעט פונם לאַנגן וועג איז דער צוג צוגעפאָרן צו דער האַלב-באַלויכטענער באַן-סטאַציע, און מיט אַ רעש פון קלאַפּנדיקן אויפן אָרט שטיין געבליבן.

מיט אַ געפּילדער און געשריי האָבן מענטשן גיך גענומען פאַרלאָזן זייערע פּלעצער אין די וואַגאָנען, און ווי פּרייגעלאָזענע פון תפיסה נאָך גיכער פון דאַנען אַוועק. אויך בערל האָט פאַר-לאָזן זיין פּלאַץ, כמעט דער לעצטער אַרויס פונם וואַגאָן — און שוין ביים אַראָפּגיין די שמאָלע טרעפּלעך האָט זיך צו זיינע אויגן צוגעקלעבט אַזאַ מין גייציקע נייגיריקייט, וואָס האָט אים ווי אַ שאָטן שוין דעם גאַנצן וועג באַגלייט. עלץ האָט אויף אים אַן אומגעהויער שטאַרקן איינדרוק געמאַכט. אַלץ, אָנהויבנדיק פון האַלב-רונדן גלעזערנעם דאַך איבערן פעראָן, ביז אויף די הונדערטער עלעקטרישע לאָמפּן פון אַרום. פון די פאָרנדיקע רויטע טראַמווייען אויף די שמאָלע שינעס, ביז צו די הויכע ברייטע גאַסן מיט דער שווימנדיקער מענטשן-מאַסע אויף זיי. די אויפגעפּוצטע מיט ליכט אָנגעפּולטע פענצטער-אויסלאַגעס האָבן שוין פונדערווייטנס צו אים געווונקן, און נישט געצווונ-גענערהייט אים געהייסן לעבן זיך אָפּשטעלן. ער איז פון דעם אַלעמען ווי פאַרבלענדעט געוואָרן, און דאָס פאַרבלענדעניש האָט אים די פיס געפּענטעט און נישט געלאָזט ווייטער גיין. ער האָט זיך אָבער סוף-כל-סוף געמוטשט פון דעם פאַרבלענדעניש אַרויס-רייסן, ווייל דער באַלויכטענער שטאָט-זייגער האָט פון דער הויך צו אים ווי אַ ווינק געטון, און מיט די צוויי ווייזערס געוואָרנט: ס'איז שוין האַלב צען! אַביסעלע גיכער גיי! האָט ער ווי אַ

פאַלגזאַם קינד פאַרגיכערט זיינע טריט, מיט לאַנגע שפּאַן זיך געשטופּט דורך די מענטשן-פולע גאַסן, און אַן אָפּגעמוטשעטער און פאַרשוויצטער עטלעכע מינוט פאַר צען געקומען אויפן אָנגעגעבענעם אַדרעס. מיטן אויפזוכן זיין מומעס וווינונג האָט ער שוין קיין שוועריקייטן נישט געהאַט. אויפן דריטן שטאָק, די ערשטע טיר רעכטס — דאָרטן איז עס.

מיט ציטערנדיקע פינגער האָט ער שטיל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, פּאַוואָליטשקע זי געעפנט, און גלייך ביי דער שוועל שטיין געבליבן. אין דעם צימער, וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן — די קיך, האָט קיין ליכט נישט געברענט, נאָר אַ שיין פונם צווייטן צימער האָט עס אַביסל ליכטיקער געמאַכט.

— ווער איז דאָרט?

ער האָט מיט אַמאָל דערקענט דער מומעס קול, און ס׳האַרץ האָט אים שטאַרקער אָנגעהויבן קלאַפּן. ווער ווייסט, וויאַזוי זי וועט עס אים אויפנעמען, און וואָס זי וועט זאָגן צו דעם שפּעטן גאַסט? אויף קיין ענטפער אָבער האָט ער לאַנג נישט באַדאַרפט צו וואַרטן. וויל דורך דער ליכטיקער טיר האָט זיך פּלוצים אַ ברייטער שאָטן גענומען אַריינשלייכן, ווי אַ לויערנדע קאַץ זיך גערוקט אויפן בויך אַ יעדער מאָל ווייטער, און דעמאָלט ווען ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן (אין דער פינצטערניש צו צעפּליסן, האָט זיך אין דער אָפענער טיר באַוויזן די לעבעדיקע געשטאַלט פון זיין, בערלס מומע. אַ גאַנץ קליינע ווײַלע האָט זי אים ניי־גיריק באַטראַכט, און דערנאָך צו אים ביידע הענט אויסגעצויגן:

— אָ, אַ גאַסט!

בערל איז געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס אין דער היים איז אַ חוץ דער מומען מער קיינער נישטאָ, און דאַפאַר זיך מיט איר גאָר וואַרעם באַגרוסט. זי האָט תיכף געמאַכט ליכט אין צימער, און ווייזנדיק אים אַ פּלאַץ צום זיצן, אָנגעהויבן אים צו פאַרשיטן מיט פאַרשיידענע פראַגן, אויף וועלכע ער האָט מיט

פרייד געענפערט. ער האָט זיך אַליין נישט גערעכט אויף דעם, אַז דאָס אויפנעמען ביי אַ גרויסשטאָטישער מומע זאָל קענען זיין אַזאַ מין שיינע און האַרציקע. און בפרט נאָך דעמאָלט, ווען זי אַליין האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז תיכף נאָכן דערהאַלטן פון זיין בריוו, האָט זי איבערגערעדט מיט אירע קינדער, וועגן זען אים עפּעס אַ פּאָסטן — איז אים ס׳האַרץ שיר נישט פּאַר פרייד צעשפּרונגען געוואָרן. ער איז אפילו שטאַרק נייגעריק געווען צו הערן, וואָס יענע האָבן דאַרויף געענפערט, נאָר צוליב העפלעכקייט האָט ער גאָרנישט געפרעגט. ס׳קען אויך זיין, אַז די מומע וואָלט עס אים געווען אַליין געזאָגט, ווען ס׳וואָלט זיך נישט געווען אין דערזעלבער רגע דערהערט אַן עפענען פונם טויער און אַ גיין אויף די טרעפּ. ביידנס בליקן זייערע האָבן זיך מיט אַמאָל אָנגעהאָנגען אויף דער פאַרמאַכטער טיר, אוןביידע האָבן זיי גלייך געוואַרט אויף דעם עפענען זיך פון איר. ס׳איז אָבער קיינע אַהער נישט געקומען. ערגעץ-ווו אַנדערש האָט זיך אַ טיר געעפנט, זיך מיט אַ סקריפּ צוריק פאַרמאַכט, און אין גאַנצן הויז איז ווידער שטיל געוואָרן אַזויווי פריער.

דער גרויסער וואַנט זייגער האָט מיט אַמאָל איבערגעריסן זיין כסדרדיקן טיק-טאַק, און מיט פול ווירדע אויסגעקלונגען עלף. מיט אַ פאַרשטעלטן געגנעץ האָט די מומע זיך אויפגעהויבן פונם אָרט, און שווייגנדיק געגומען פאַר אים, בערלען מאַכן אַ געלעגער. ער האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף אירע באַוועגונגען, און אַ פראַגע האָט זיך געפּרוווט דורך זיינע ליפּן אַדורכ-שטיפּן, וועלכע ער האָט מיטן גאַנצן כוח צוריקגעהאַלטן. ער האָט נעמלעך געוואָלט וויסן, פאַרוואָס די קינדער אירע זענען נאָך אין דער היים נישטאָ, כאָטש ס׳איז שוין באַלד האַלבע נאַכט. און זי, די מומע זיינע, גלייך ווי זי וואָלט געווען די פראַגע זיינע מיטן אינסטינקט אַרויסגעפילט, האָט שוין שטייענדיק אין יענעם צימער, זיך נאָכאַמאָל צו אים אויסגעדרייט, און ווייזנדיק מיט די אויגן אויף דער טיר אַ זאָג געטון:

— ...אַמאָל קומען זיי פֿאַר האַלבער נאַכט, און אַמאָל נאָך האַלבער נאַכט. אין סעזאָן איז עס שוין אַזוי. דאַפֿאַר זענען אָבער דאָ טעג, ווען ס'איז גאָרנישטאָ וואָס צו טון. אויף אונז מאַכט עס שוין קיין שום איינדרוק. מיר זענען שוין צו דעם געוווינט. — און זייענדיק שוין צוריק ביי זיך אין צימער האָט זי צוגעגעבן: פֿאַר דעם אָרימען עולם זענען די טעג פֿון דער גרויסער שטאָט נישט קיין ענלעכע איינער צום אַנדערן. קיין קראַנץ פֿון שיינע זכרונות וועט מען פֿון זיי נישט קענען אויספֿלעכטן. ס'איז גיכער אַ גרויסער קאַמף, וואָס אַ יעדער טאָג ווערט ער אָנגעהויבן פֿונסניי. און וואָס איז זיך דאָ צו חדושן, אַז אַזוי איז עס שוין פֿון תמיד אָן.

III.

אין דער פֿרי, ווען ער, בערל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונם שלאָף, איז אין דער היים אַ חוץ דער מומען, ווייטער קיינער נישט געווען. ס'האָט אים אפילו שטאַרק באַנק געטון, וואָס ער איז פֿאַרשלאָפֿן געוואָרן, און דאַפֿאַר זיך מיט קיינעם נישט געזען. אָבער די מומע האָט אים באַרויקט, זאָגנדיק, אַז איצט מעג ער נאָך שלאָפֿן וויפֿל זיין האַרץ גלוסט. אַט באַלד־באַלד וועט ער באַקומען אַרבעט, און דעמאָלט — און מיט אַ שמייכל האָט צוגעגעבן — אָ דעמאָלט וועט אים שוין נישט זיין אַזוי גוט.

אַ גאַנצן פֿאַרמיטאָג איז ער געבליבן זיצן אין דער היים, זיך נישט געטרויעט אַליין אַרויסצוגיין אין גאַס. און כאָטש די גרויסע שטאָט האָט אים מיט טויזנטערליי קולות גערופֿן, און מיט אומאויפֿהערלעכן רעש צו זיך געלאָקט — איז ער ווי אַן עקשן געבליבן אויף זיין אָרט, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד אויפֿן מיטאָג. נישט נאָכן עסן, האָט ער עס אַזוי שטאַרק געבענקט, נאָר אויפֿן קומען פֿון זיין קוזען און קוזינע, כדי פֿון זיי צו הערן עפּעס גענויערס, וועגן עפּעס אַן אַרבעט פֿאַר זיינעט וועגן. ער

האָט שטאַרק געגלויבט אָן די האָפּערדיקע רייד פֿון זיין מומען, זיין גאַנץ וועזן געפּרוווט מיט זיי אויספֿילן, אָבער ערגעץ טיף פֿאַרשטעקט אין האַרצן איז געלעגן אַ ברעקעלע ביטערקייט, וואָס האָט ווי קוועקזילבער אין טערמאָמעטער זיך כּסדר געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און אָן אַן אויפֿהער געהאַלטן אין איין דערמאָנען: מענטשלעכע רייד זענען פּוסט... מענטשלעכע ווערטער זענען ליידיק...

פּונקט צוויי אַ זייגער זענען זיי געקומען. צוערשט האָט זיך באַוויזן דאָס פֿריילין — די קוזינע, און נאָך איר — דער קוזען. די מומע האָט אים באַלד פֿאַר זיי פֿאָרגעשטעלט, און נאָך אַ פֿערטל שעה רעדן, זענען זיי שוין אַלע געווען אויף „דו", גלייך אַלטע באַקאַנטע. און גערעד האָבן זיי איבער פֿאַרשיידענע זאַכן. ער האָט זיי דערציילט, וויאַזוי ס'לעבט זיך אין קליינעם שטעטל, וויאַזוי ס'זען דאָרטן אויס די הייזלעך, די געוועלבלעך — און אַפֿילו די מענטשלעכע פּאַרלאַנגען. ווי אַלץ איז דאָרטן אַזוי קליין און נעבעכדיק, אַזוי אָרעם און דערשלאָגן, גלייך לעבנס אין כּסדרדיקן טרויער איינגעהילטע. נאָר אַליין דער הימל איז דאָרטן תּמיד גלייך הויך און טיף, און די לופֿט — לויטער אָן שום גאַזן און סאַדזעס, ווי די פֿון דער גרויסער שטאָט. זיי ווידער האָבן געוווּסט צו דערציילן פֿון גרויס-שטאָטישע סענזאַציעס, פֿון פֿאַרשיידענע טעגלעכע אומגליקס-פֿאַלן, און פֿון מאַסן גנבות. און אַזוי האָבן זיי גערעדט וועגן אַלץ און אַלעמען, נאָר נישט וועגן דעם, וואָס ס'האָט אים, בעלען אַמיינסטן אינטערעסירט. דאָס פֿאַרגעסן פֿון אַזאַ וויכטיקן ענין האָט אים שטאַרק געערגערט, און אַ צווייפֿל אַ פֿלוצימדיקער האָט אים מיט אַמאָל צו טאָטשען אָנגעהויבן. אפֿשר האָט די מומע נאָך איבערהויפּט נישט גערעדט מיט אירע קינדער וועגן אים? אפֿשר ווייסן זיי גאָר נישט וועגן וואָס ער איז אַהער געקומען? ער האָט דאָס זיי געוואָלט אויפֿקלערן, פֿרעגן ביי זיי אַן עצה, אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן ס'מויל צו עפֿענען, האָט דער קוזין פּלוצים אַ זאָג געטון:

— און דיך האָבן מיר אויך אין זינען. ס'איז אפילו ביי היינטיקע צייטן שווער צו באַקומען ערגעץ אַ פּאָסטן. אַ יעדער האַלט זיין אַרבעטס־פּלאַץ ווי מיט די ציין, — אָבער מיר וועלן זען פאַר דיינעט וועגן עפּעס צו טון. עפּעס אַפילו פּיקט זיך שוין...

„עפּעס פּיקט זיך שוין" — אפשר צום הונדערטערטסטן מאָל האָט ער איבערגעחזרט די עטלעכע ווערטער און אַ יעדער מאָל האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער פאַרשטייט זיי אַנדערש. ווו פּיקט זיך שוין עפּעס? ביי וועמען? ער האָט געמיינט, אַז אויף אַן ענטפער אויף דעם וועט ער לאַנג נישט דאַרפן צוּוואַרטן,— און דערווייל איז אַוועק איין טאָג און נאָך אַ טאָג. און דערנאָך זענען אַוועק נאָך עטלעכע טעג, ביז ס'איז געוואָרן אַ וואָך. און אַ ליכטיקע איז זי געווען, די פון זיין לעבן אַנטלאָפענע וואָך; אַ ליכטיקע — אָבער פאַר אים אַ ליידיקע, אַ פּוסטע אָן אַ שום תוכן. אים האָט זיך געדוכט, אַז זיינע טעג זענען לייכט ווי די פעדערלעך; אַ בלאָז — און נישטאָ. האָט ער דאַפאַר געזוכט און געגנישטערט מיט וואָס זיי וואָגיקער צו מאַכן, שווערער — זיי זאָלן נישט קענען אַזוי לייכט פון אים אַנטלויפן. און אַ גאַנצן טאָג דערווייל זיך געשלעפּט איבער די גראָע גאַסן, דורך די שפּאַרעס פון די אָפּגעלענטע טירן אריינגעקוקט אין די אויסגעפּולטע געשעפטן, און מקנא געווען אפילו דאָס קלענסטע יונגל, וואָס אַרבעט דאָרטן.

הונדערטער פאָל אין טאָג האָט ער געזען די זעלבע שילדן, מיט די זעלבע אויפשריפטן. הונדערטער מאָל אין טאָג האָט ער זיי אַדורכגעלייענט, און תמיד האָט זיך פון צווישן די גלאַנציקע מיט גאָלד באַזוימטע אותיות אַרויסגערוקט אַ קליין פּראָסט וואָרט; קליין און פּראָסט, — און פאָרט פאַרכשופט: אַרבעט!

ער האָט זיך שוין נישט געשעמט אומעטום צו עפענען די טירן, און מיט הכנעה אַ יעדן אַ פרעג טון: אפשר דאַרפט איר אַ מענטש? אַ יעדנס טרייסל מיטן קאָפּ — ניין! האָט אים ווי אַ

זעך געטון אין מוח, און מיט נאָך אַ פּראָצענט זיינע האָפענונגען פאַרקלענערט. ביסלעכווייז האָט ער אויפגעהערט צו גלויבן אין די צוזאָגנדיקע רייד פונם קוזען, און מיט אַ יעדן אַוועקגייענדיקן טאָג זיך מער געפילט איינזאַמער און פאַרשטויסענער. ער האָט אויך געפילט ווי דער ווילן זיינער ווערט אַ יעדער מאָל מער טעמפּער, די ענערגיע שוואַכער, און שפּעט זיך אויס ווי ביי אַ שלאָפן מענטש. און דעמאָלט ווען אַ רעזיגנאַציע האָט זיך איבער זיין נשמה צעלייגט, און פאַר די אויגן אים אַלץ אין שאָטן גע- וויזן, דעמאָלט האָט אים דער קוזען מיט אַמאָל אַ פאַרדרוקט קאַרטל דערלאַנגט, און לויטן אָנגעצייכנטן אַדרעס אים געהייסן דעם אַנדערן טאָג אַכט אַזייגער אין דער פרי צו דער אַרבעט גיין. אמת, ס'איז נאָך דערווייל אויף פּראָבע, אָבער ער האָפט, אַז ס'וועט זיין גוט!

ס'וועט זיין גוט! — און מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן האָט ע״, בערל געקוקט אויפן פאַרדרוקטן שטיקל פּאַפּיר, און געפילט ווי אַ פרייד אַזאַ מין גרויסע, טיילט זיך אָפּ פון די שוואַרצע אותיות, דרינגט מיט כוח אַריין אין זיין גאַנצן קערפּער. און יאָגט שוין ס'בלוט אין די אָדערן הייסער, שטאַרקער. — מאָרגן אַרבעט! און די פרייד איז שוין מיט אַ רייסנדיקער קראַפט אין אים געוואַקסן, און אים שיר נישט דעם ברוסטקאַסטן צעזעצט. ס'איז אים מיט אַמאָל ענג געוואָרן אין שטוב. איז ער דאַפאַר גיך אַראָפּ אין גאַס, פרייליך געשפּרייזט איבער די ברייטע טראָטואַרן, און כמעט חוצפּדיק אַ יעדן מיטן שטיקל פּאַפּיר אין די אויגן געפּאָכעט: זעט, כ'האָב אַרבעט! קיינער אָבער האָט זיך אויף אים אפילו נישט אומגעקוקט. אַ יעדער איז זיך שווייגנדיק ווייטער געגאַנגען זיין וועג, — און דאָס האָט אים אַביסל אָפּ- געקילט. ער האָט אָבער געמוזט פאַר עמיצן אויסגיסן זיין פרייד. עמיצן דערציילן, אַז פון מאָרגן פרי הויבט זיך פאַר אים אָן אַ ניי לעבן, און נישט האָבנדיק וועמען — איז ער צוריק אַרויף אַ היים, און גענומען שרייבן אַ בריוו צו זיין מאַמען. און געשריבן

האָט ער איר, אַז ער איז זיכער, אַז זי וועט אים מוחל זיין, וואָס ער האָט די טעלעכע וואָכן געשוויגן; ס'איז ווירקלעך נישט געווען וואָס צו שרייבן. איצט אָבער שרייבט ער איר, ווייל ס'איז געשען אַ גרויסע נייס, — ער האָט באַקומען אַ פּאָסטן. שוין פון מאָרגן אָן הויבט ער אָן צו אַרבעטן, און ער האָפט... די פעדער האָט מיט אַמאָל אַ שטאַרקן קריץ געטון אויפן פּאַפּיר, און נישט געקאָנט ווייטער גיין. אויף וואָס האָפסטו, בערל? און טאָמער וועט זיך די „פּראָבע" נישט איינגעבן, וואָסזשע וועט זיין ווייטער?... שוין-זשע ווילסטו דער מאַמען דערציילן די גרויסע נייס, נישט וויסנדיק אפילו, צי ביז זי וועט דעם בריוו דערהאַלטן, וועסטו נאָך האָבן אַרבעט?... גאַנץ מעכאַניש, אָן אַ לויטערן געדאַנק אין מוח האָט ער דעם אָנגעהויבענעם בריוו פון זיך אַוועקגערוקט, און מיט מאַט-פאַרגלאָזטע אויגן געקוקט ערגעץ ווייט-ווייט איבער די פאַרוויכערטע דעכער פון דער גרויסער שטאָט.

IV.

פּונקט אַכט אַ זייגער אין דער פרי איז ער, בערל שוין געווען אויפן אָרט. איינער אַן עלטערער מענטש האָט ביי אים צוגענומען דאָס פּאַפּיר, און נאָכדעם ווי ער האָט אים אַביסל פון אויבן אַראָפּ באַטראַכט, צוגערופן אייגעם אַ באַבערדלטן יונגמאַן און שטיל אים עפּעס אויפן אויער געזאָגט. דער באַבערדלטער האָט עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, און דערנאָך אַ ווינק געטון צו בערלען, ער זאָל מיט אים גיין. ביי אַן אויסגעפּולטער שאַפע מיט שטיקער טוך זענען זיי שטיין געבליבן, און דער באַבערדלטער, געבנדיק אים אַ קליין בעזעמל אין האַנט, געהייסן די גאַנצע סחורה אַרומפּוצן.

מיט אַן איבערגעגעבענעם חשק האָט ער געפּוצט אַ יעדעס שטיקל סחורה באַזונדער, און בגנבה דערווייל אַ יעדער מאָל אַ

בליק געטון אויף דעם מיט סחורה פול-געפּאַקטן געשעפט, און זיך געוווּנדערט, וואָס אַ־ן אַזאַ גרויסן לאַגער אַרבעט נישט מער ווי איין מענטש. כאָטש אַרבעט וואָלט געקלעקט פאַר אַ סך מער. דער געדאַנק, אַז ער וועט דאָ נישט זיין קיין איבעריקער, האָט אים זיינע גוטע האָפענונגען פאַרפעסטיקט, און דאַפאַר האָט ער אים אַ גאַנצן טאָג ווי אַ ליב קינד געפּיעשטשעט.

אין דער היים ביים מיטאָג האָט ער דערציילט וואָס פאַרא „אויפנאַמע" ער האָט געהאַט אין געשעפט, און וואָס פאַרא אַרבאָטים ער האָט שוין אָפּגעטון. איין זאַך נאָר האָט ער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס מ'האָט אים גאָרנישט געפרעגט, אַפילו נישט וויאַזוי ער הייסט... נאַרישקייטן — האָט אים דער קוזען געענטפערט — מ'וועט נאָך פרעגן. און טאָמער וועסטו פילן, אַז מ'דאַרף עפּעס פאַרפוצן מיט אַ נישט אמתער זאַך, מעגסטו עס טון. דיין געוויסן וועט פון דעם זיכער נישט ליידן; ס'איז וועגן פּרנסה. אָבער קיינער אין געשעפט האָט אים גאָרנישט געפרעגט. נישט דעם ערשטן, און נישט דעם צווייטן טאָג. שפּעטער אויך נישט. ער האָט די גאַנצע צייט געאַרבעט לויט די אָנווייזונגען פונם באַבערדלטן יונגמאַן, און מיטן שעף אַפילו קיין איין וואָרט גערעדט. דאָס האָט אים אַפילו געוווּנדערט, אָבער שטאַרק געאַרט האָט עס אים נישט. ער האָט געפילט, אַז מיט אַ יעדן טאָג קען ער זיך שוין בעסער אויס אין דער אַרבעט, אַז די צייט פון דער פּראָבע איז שוין מסתמא אַוועק. וועגן געהאַלט וועט אים דער שעף שוין אוודאי זאָגן סוף חודש. ביז סוף חודש איז אָבער נאָך גענוג ווייט געווען, האָט דערפאַר זיין מוח גענוג צייט געהאַט צו חשבונען און קאָמבינירן וויפל ער, בערל וועט מער-ווייניקער באַקומען פאַרן ערשטן חודש. לויט זיין אַרבעטן דאָ וואָלט ער שוין באַדאַרפט באַקומען ווי אַ גרויסער מענטש, ווייל חוצדעם, וואָס ער טוט אַלע אַרבאָטים פונם קליינעם יונגל, אַרבעט ער שוין ביי דער קראָם אויך. ער קען שוין אויפּראָלן און צוראָלן די גראָבע שטיקער טוך, אויסלייגן זיי גלייך אין די פּאָליצעס

12.701

מיט די ברעגלעך אַרויס, און אַפילו מעסטן אויך. אמת, מיטן מעטער גייט עס נאָך אַביסל שווערלעך, אָבער — ער וועט דאָס אויך קענען. און דער געדאַנק, אַז ער קען שוין עפּעס, האָט אים צוגעגעבן זיכערקייט, זיין קערפּער ווי אויסגעגלייכט, און דעם טריט — אים פעסטער געמאַכט. ער האָט אַ יעדן געקוקט גלייך אין די אויגן, און אַליין זיך שוין אויך געפילט פאַר אַ מענטש.

און דעמאָלט, ווען אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זיין וועג איז שוין אַ גלאַטיק-גלייכער אָן אַ שום אָפּנויג, איז געקומען דער פערצענטער טאָג. אָנגעהויבן האָט ער זיך, דער טאָג גאַנץ נאָרמאַל. ווי תמיד, אַזוי אין דעם טאָג, האָט ער, בערל אַלע קלענערע אַרבאָטים איז אין בעסטער אָרדנונג אָפּגעטון. קיינער האָט אים קיין שלעכט וואָרט געזאָגט, צו מיטאָג-צייט אין באַנק אים אַפילו געשיקט, עטלעכע וועקסלען אויסקויפן. דאָס פאַר־טרויען, וואָס יענע האָבן אים געשענקט האָט זיינע האָפענונגען נאָך שטאַרקער געמאַכט, און גאָרנישט האָט אים אַפילו דעם מינדסטן חשד געגעבן, אַז דער דאָזיקער טאָג וועט זיך פאַר אים אַנדערש ענדיקן ווי די אַלע אַנטלאָפענע טעג. ווי תמיד, אַזוי אויך אין דעם פאַרנאַכט האָט ער פאַרשלאָסן ס׳געשעפט, אַראָפּ־געלאָזט די שווערע ראָלן, אומעטום אויפגעהאָנגען די שלעסער. און דעמאָלט, ווען ער האָט דעם שעף איבערגעגעבן די שליסל און געוואָלט אַוועקגיין, האָט אים יענער מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, גיך פון דער קעשענע אַביסל זילבער-געלט אַרויסגעשלעפּט, נאָך גיכער דאָס אים, איבערגעבן, און גלייכצייטיק דורך די ציין אַ מורמל געטון: — מאָרגן דאַרפט איר מער נישט קומען צו דער אַר־בעט! — און מיט כמעט לויפנדיקע טריט, ווי אייגער, וואָס האָט נאָר-וואָס עפּעס אַ מיאוסע זאַך אָפּגעטון, איז ער אַוועק צווישן די גייענדיקע מענטשן, כדי אין זייער שטראָם באַלד צו פאַר־שווינדן.

ווי אַ פאַרלוישעטער, גלייך ווי עמעץ וואָלט אים נאָר-וואָס

מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ געווען געגעבן, איז ער, בערל גע-
שטאַנען אָנגעשפּאַרט אָנעם אייזערנעם ראָל, און מיט טויטע אויגן
געקוקט אויף די שפּיצן פון זיינע שיך. דער מוח זיינער האָט
כמעט ווי אויפגעהערט צו אַרבעטן, און די הענט זיינע זענען
שוואַך נאָכגעהאָנגען, ווי לויז גרעט אויף אַ שטריק. — וואָס
איז דאָ געשען? דאָס געשעענע פון צוריק מיט עטלעכע מינוט,
האָט זיך מיט דער גאַנצער טרויריקער וואָר פאַר
זיינע אויגן אַנידערגעשטעלט, און אין האַלדז ביי אים, שוין
גאַנץ אויבן האָבן זיך צוויי ווערטער, ווי שאַרפצייניערדיקע וועלף
פון דער שטייג צו דער פריי געריסן, כדי הויך אַ וואָיע צו
טון: — פאַר-וואָס?! דער גאָרגל אָבער איז פון די אָנגעזאַמלטע
טרערן ווי איינגעשרומפּן געוואָרן, און דער „פאַרוואָס” איז דאַ-
פאַר דאָרטן שטעקן געבליבן, מיט זיין שאַרפקייט נאָר די אייגענע
ווונדן פאַרגרעסערט. דער ווייטיק, וואָס האָט זיך מיט אַמאָל צע-
לייגט אין זיין בויך, האָט אים, בערלען די אויגן געעפנט, און
נישט ווילנדיק האָבן זיך זיינע אָפּגעמוטשעטע בליקן אָן די גיי-
ענדיקע מענטשן אָנגעשלאָגן, גלייך ווי זיי וואָלטן ביי זיי הילף
געזוכט. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ביי מענטשן מיט אַזעלכע
צופרידענע פּנימער און שמייכלדיקע אויגן קען מען קיין הילף
נישט באַקומען. אַ יעדער פון זיי, כאָטש ער גייט אויף דעמ-
זעלבן וועג און אָטעמט דיזעלבע לופט, איז אָבער פאָרט אַ
וועלטעלע פאַר זיך, אַפילו אַ קליין נישטיק וועלטעלע מיט קליינע
ענגהאַרציקע אַמביציעס — אָבער אַ וועלטעלע, און דאַפאַר צו
זיי קיין שנאה נישט געפילט. נאָר אַוועק פונדאַנען ערגעץ גאַנץ
ווייט האָט ער געוואָלט, אַנטלויפן פון די לאַכנדיקע קולות זיי
זאָלן אים נישט קענען מער דערגרייכן.

און ער איז געגאַנגען. מיט וואַקלדיקע טריט פון אַן אָפּ-
געשוואַכטן האָט ער זיך גערוקט לעבן ווענט געגרינצלטע שטאָל-
ראָלן, אַ יעדער מאָל פון אַן אַנדערער זייט באַקומען אַ שטויס
אָדער אַ טרעט, און דאָך גאָרנישט געפילט. אָן אַ ריינעם ציל

איז ער געגאַנגען ווייטער און ווייטער. ביז ס'האָבן מיט אַמאָל צוויי נאָכגעלאָזטע באַן-ראַמפּעס ווי צוויי טאַמעס, דעם וועג פאַרמאַכט, און דעם מענטשן-שטראָם אויף צוויי העלפטן איבער-געשניטן. נישט וויסנדיק אַפילו פאַר-וואָס האָט ער זיך אָנגע-שפּאַרט אָן די אייזערנע שטאָכייטן פון די ראַמפּעס און אָן אַ שום אינטערעס געוואָרט אויפן פריי ווערן פונם וועג. פון דער-ווייטנס האָבן זיך מיט אַמאָל באַוויזן צוויי קליינע, געלע פלע-מעלעך, וואָס האָבן זיך מיט אַ וואָס אַמאָל שטאַרקער קלאַפּעריי געהאַלטן אין איין פאַרגרעסערן, און באַלד איז אַ הוישענדיקער לאָקאָמאָטיוו שווער אַדורכגעלאָפן, איבערלאָזנדיק אַ טרוקענע היץ הינטער זיך. די רעדער פון די נאָכלויפנדיקע וואַגאָנען האָבן איינטאָניק געקלאַפּט אָן די שטאָלערנע שינעס, און דאָס געקלאַ-פעריי האָט עפּעס אַלט-באַקאַנטע ווערטער אין בערלס אוירן גע-וואָרפן: זאָלסט נישט פאַרגעסן צו שרייבן... זאָלסט נישט פאַרגעסן צו שרייבן... און אַ ווייטיקפולע גרימאַסע האָט זיך צעלייגט איבער דער מאַמעס פּנים, — זאָלסט נישט פאַרגעסן... און ווייט איבער די ראַמפּעס און צונויפגעקוועטשטע מענטשן-קעפּ האָבן זיינע אויגן דערזען דאָס שטעטל, די קליינע הייזעלעך און שמאָ-לע געסעלעך. אויף טרעפּעלעך גרינע פון אַלטקייט, שטייט די מאַמע מיט הענט פאַרלייגטע הינטערן פאַרטוך, און קוקט ווי בעטענדיק אויף דעם בריוונטרעגער, וואָס גייט אַ שווייגנדיקער פאַרביי. נישטאָ! טון אַ מאַך זיינע הענט, נישטאָ! און די מאַמע גייט נישט מער צוריק אין שטוב, נאָר די שמאָלע, געבויגענע פּלייצע אירע דריקט זיך פעסטער צו דער טיר, און דער אַראָפּגעבויגענער קאָפּ ביי אים בייגט זיך נידעריקער, נידעריקער אַזש אין האַרצן טוט עס אים אַזאַ ציפּ: מאַמע!... און מיט אַמאָל דערמאָנט ער זיך אָנעם בריוו, וואָס ער האָט אַמאָל אָנגעהויבן צו דער מאַמען צו שרייבן און נישט פאַרענדיקט. פאַרוואָס — בערל? ער דער-מאָנט זיך: ער האָט דער מאַמען זיינער געוואָלט שרייבן נאָר גוטס. ער האָט איר צו ערשט, פאַר אַלעמען געוואָלט אָנזאָגן די

גרויסע בשורה, וואָס זאָל איר אָרעם שטיבל מיט פרייד אָנפילן: ס'איז דאָ אַרבעט — מאַמע! ערשט איצט ווייסט ער, אַז ער האָט זייער שלעכט געטון מיט זיין שווייגן. זאָלסט נישט פאַרגעסן צו שרייבן! וויפל צער און וויפל געבעט זענען אַריינגעלעגט געוואָרן אין די פּאָר ווערטער, און וויפל פּיין און יסורים האָט ער מיט זיין שווייגן איר פאַרשאַפט. פאַרוואָס — בערל?

פררוואָס? — און פאַרטרערטע זענען זיינע בליקן געלאָפן איבער דער גייענדיקער מענטשן-מאַסע, און אומרויִקע געזוכט אַ וועג צווישן זיי ווירמעט זיך פון דער געדעכטעניש אַרויסצובאַ-קומען. ער האָט געוואָלט וואָס גיכער אַהיים לויפן דעם אָנגע-הויבענעם בריוו צו דער מאַמען צו פאַרענדיקן. ס'האַרץ זיך געוואָלט פאַר איר אויסוויינען, פון דעם גרויסן אומרעכט, וואָס מ'איז קעגן אים היינט באַגאַנגען — איר געוואָלט דערציילן. אָבער די גייענדיקע האָבן אים נישט אַרויסגעלאָזט פון צווישן זיך, געשטראָמט מיט אים ווייטער און ווייטער, און מיטגעשלעפט אים מיט זיך ווי אַ אָפגעריסן בלעטל פון אַ ווינט אַן אָנגע-טראָגנס.

— לאָזט מיך — און די ליפן זיינע האָבן זיך אַ פאַרקרום געטון ווי צו אַ געבעט, לאָזט מיך פונדאַנען... און אַלעמענס פנימער, אַזעלכע זאַטע און צעשמייכלטע האָבן זיך מיט אַמאָל צו אים אויסגעדרייט, און אַלעמנס בליקן האָבן אַזעלכע חוזקדיקע און מיט פול שפּאָט אים אַ מעסט געטון פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ נאַריש קינד.

— און וואָס-זשע ווערסטו אַזוינס דיין מאַמען אָנשרייבן — וואָס? פון דיין גרויסן אומגליק נאַר? פון דיין פאַרווייסיקט האַרץ? און פאַרוואָס-זשע נישט איר דערציילן פון דעם, אַז כאָטש מ'האָט דיך פון דער אַרבעט אָפּגעזאָגט, אָן אַ פאַרוואָס דיך אַרויסגע-וואָרפן — האָט מען דיך אָבער פאָרט נישט צעבראָכן, פון דיר נישט קיין תל געמאַכט. אַז העגט האָסטו נאָך פרייע, שטאַרקע,

און אַ פֿלייצע פון ווייניק יאָרן נאָך אַ גלייכע. אַז ביזט נאָך אַ גאַנצער, אַ געזונטער, און אַלצדינג וועסטו אָנהייבן נאָכאַמאָל, פונסניי. פּחדנים נאָר אַנטלויפֿן! פּחדנים נאָר געבן זיך גיך אונטער — אָבער מוטיקע בלייבן! העדסט — מוטיקע בלייבן!

מוטיקע בלייבן! — און די אויגן זיינע האָבן זיך מיט אַמאָל אויפגעריסן, גרעסער געוואָרן, קלאָרער אַלץ אַרום זיך באַנעמען — און פאַרשטאַנען. און פאַרשטאַנען האָט ער, בערל, אַז דער ווילן צו לעבן און אַרבעטן, איז אַ סך אַ שטאַרקערער פון די שטערונגען, וואָס ווערן געוואָרפן פאַר די פיס, און אַז דער איצטיקער דורכפאַל זיינער וועט דעם ווילן זיינעם נאָר שטאַרקן, דויערהאַפטיקער אים מאַכן. האָט ער דאַפאַר אַן אַנטשלאָסענער זיך מער נישט געלאָזט מיטרייסן פון דער גייענדיקער מאַסע, מיט די עלענבויגנס זיך אַ וועג דורך דער געדעכטעניש געמאַכט, און מיט אַ גלייכן טראָט און אויפגעהויבענעם קאָפ געגאַנגען אַהיים דעם בריוו צו דער מאַמען צו פאַרענדיקן.

לעמבערג, 1933.

פונקען ביינאַכט.

פּאַוואָלנע ווי אַן כוח האָט דער אַלטער שטאָט-זייגער גע־וואָרפן אָפּגעשניטענע לויטערע קלאַנגען אין דער פינצטערקייט פון דער פאַרשלאָפענער נאַכט, ווו אַ שטייענדיקע שטילקייט האָט זיי נאָך שאַרפער אויפגעכאַפּט און דורך די לופט-כוואַליעס אין די ווייטקייטן צעשיקט. וואָס ווייטער אָבער די קלאַנגען זענען גע־שווימען, אַלץ מער האָבן זיי פון זייער שאַרפקייט פאַרלוירן, אַלץ שטילער זענען זיי געוואָרן, און צולעצט שוין ווי פאַרלוירענע עכאָס אַריין אַהער אין דער ליכטיקער שטוב, ווו ביי אַ שמאָלן וואַרשטאַט זענען געזעסן עטלעכע איינגעהויקערטע געזעלן און גענייט.

די קלאַנגען, שוין נאָר זשומענדיקע, האָבן זיך ווי נישט זעענדיקע פליגן געדרייט און געפּאַליעוועט אַרום דעם גרויסן בלייך-לאָמפּ, — און די געזעלן מיט צעבויפגעפּרעסטע ליפּן און אָנגעשטרענגטע געהערן האָבן אין זיך דאָס זשומען אויף חלקים צעטיילט: איינס... צוויי... זעקס... עלף...

מיט אַ באַהאַלטענעם חשק האָבן זיי געפּרוווט אויסמעסטן די צייט פון פרימאָרגן ביז איצט, געוואָלט וויסן וויפל שעה זיי זיצן עס היינט שוין אַזוי צוגעקלעבטע צו די בענקלאַך, נאָר די מוחות, אויסגעמאַטערטע פון צופיל אַרבעטן זענען געווען פאַרטונקלט און שווער און גאָרנישט געקענט צעבויפרעכנען. די קערפּערס זייערע ווי פון ליים אויסגעפורמטע האָבן זיך קיין ריר

געטון, נאָר אַליין די הענט האָבן זיך געוואָרפן אַרויף אַראָפּ, אַהין און צוריק, גלייך ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט נאָר אין זיי געלעגן. און די גלאַנציק-שפּיציקע נאָדלען, אין די בלייכע אויס-געדאַרטע פינגער האָבן זיך אַ יעדער מאָל מיט אַן עלעגאַנטן נייג אין אויסגעשפּרייטן שטיק שטאָף אונטערגעטונקען, כדי תּיכף צוריק אַרויסצעשווימען. און אַזוי כסדר אָן אַ סוף.

מיט דער געניטקייט פון אַ ספּעציאַליסט האָט דער מייסטער באַקוקט אַ שוין פאַרטיק שטיקל אַרבעט, און אינאייננוועגס דערווייל פון אונטער די ברעמען אַפּיר נאָכגעקאָנטראָלירט דאָסגלייכע, אומאויפהערלעכע הוידען זיך פון די הענט, צי נאַרט עמעץ נישט. און מיט אַמאָל האָט ער דערזען ווי די האַנט פונם לערניונגל באַוועגט זיך אַ יעדער מאָל פּאַוואָלער און פּאַוואָלער, גלייך אַ חלשות וואָלט זיך פּלוצים געוועזן אין איר פאַרזעצט. האָט ער, דער מייסטער אַ בלינצל געטון מיט אַן אויג, שווייגנדיק אויפגע-הויבן די רעכטע האַנט זיינע, און פון אויבן אַראָפּ געוואָלט מיט אַ קלאַפּ פונם לערניונגל דעם שלאָף פאַרטרייבן. און דעמאָלט ווען די האַנט האָט שוין דערגרייכט די נייטיקע הויך, כדי פון דאָרטן שווער אויפן שוין דרימלענדיקן לערניונגל אַראָפּצופאַלן, — איז זי פּלוצים גלייך אַ פאַרשטאַרטע אין דער לופטן הענגען געבליבן. די בייזע בליקן זיינע, וואָס האָבן זיך פריער ווי צוויי שפּיציקע נאָדלען אין יונגלס קערפּער ארייגעשטאָכן, האָבן, אפילו נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, אַליין זיך פון דאָרטן צוריק אַרויס-געצויגן, גאַנץ פּאַמעלעך זיך איבערן שמאָלן פענצטער אַ גליטש געטון, און דורך די שוואַרצע שויבן אַרויס צו דער אין פינצ-טערניש איינגעטונקענער נאַכט.

די פינצטערניש האָט פּלוצים ווי אַן אויפגעהאָנגענע פאָר-האַנג אַ ציטער געטון. פון דערווייטנס האָט זיך מיט אַמאָל אַ קליינטשיקער פונק באַוויזן. אַ קליין רויט-בלאָ פלעמעלע איז ווי פון טיפער נאַכט אַרויסגעשטויסן געוואָרן, און שטיל ווי אַ לייכטנדיק נאַכט-ווערעמל זיך אין דער לופט געדרייט. דאָ זיך

געדרייט אין אַ ציטערנדיקן קרייז, דאָ ווידער געטאַנצט אין צעבראָכענע זיג־זאַגן, גלייך אַ ברענענדיק ליכטעלע אין אַ שוואַך האַלטנדיק הענטל. און מיט אַמאָל איז דאָס פלעמעלע ווי אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן, אויף האַרטן שטיין זיך אָנגעשלאָגן, און פרישע פונקען אַרום זיך צעשפּריצט. און די פונקען אַזעלכע קליינטשיקע און לויטערע האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרמערן, ווי אַ סך ליכטיקע רעגנטראָפּנס זיך געדעכט אויף דער ערד צעגאָסן, און אין איין ליניע מיטן פענצטער, די פינצטערניש מיט אַ גלאַנציק־גאָלדענעם פאַס צעשניטן.

עפּעס האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן צו וועבן. עפּעס קאָנטורן פון לאַנג פאַרגעסענע בילדער, צעריבענע נאָך ווי דורך פאַר־שמירטע גלעזער, האָבן אָנגעהויבן מיט אַמאָל אַפּירצוטרעטן, געקומען אַ יעדער מאָל נענטער, שאַרפער געוואָרן, דייטלעכער זיך אַרויסגעזען, און ער, דער מייסטער האָט נישט באַדאַרפט לאַנג צו מוטשען דעם מוח כדי דאָס אַלץ צו דערקענען: ס'איז זיינס אַ בילד; ס'איז זיינס אַן אַמאָליק שטיק לעבן. און כאָטש דער וועג פון דעמאָלט איז שוין אויסגעלייגט מיט אַזויפיל פאַרשיידענע יאָרן, איז אים דאָך אַלץ נאָך אַזוי גוט באַקאַנט! נאָך אַזוי שטאַרק איינגעבאַקן אין האַרצן — גלייך ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געשען.

פיר וואָכן נאָכן טאַטנס טויט האָבן אים די קרובים אַוועק־געגעבן צו אַ שניידער אַלס לערניונגל. צוועלף יאָר איז ער דעמאָלט אומגאַנצן אַלט געווען, ווען ער האָט געמוזט אַוועקגיין אין דער פרעמד. אין דער היים ביי דער מאַמען זענען געבליבן נאָר די יונגערע קינדער, און ער, דער עלטסטער האָט געמוזט אָפּטרעטן. לויטן אָפּמאַך פון די קרובים מיט זיין מייסטער, האָט אים יענער באַדאַרפט אויסלערנען דאָס פאַך פון שניידעריי אין משך פון פיר יאָר. אָבער אַוועק זענען אַ סך מער ווי פיר יאָר ביזוואַנען ער האָט זיך עפּעס אויסגעלערנט. און דאָס איז געווען נישט דערפאַר, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין חשק צום לערנען,

נאָר ווייל אײנאײנעם מיטן שניידערײ, איז ער געווען אַ לערניונגל פון שטובזאַכן אויך.

און געטון האָט ער אַלץ. אַלץ — אָנהויבנדיק פונם פּאַר־בעטן די געלעגערס — ביזן פירן פון דעם מייסטערס קינדער אין חדר אַריין. פון אונטערהייצן אין אויוון — ביזן אַרויסגיסן די פּאָמעניעס מיטן נאַכטגעשיר. און אָפּגעטון האָט דאָס געמוזט ווערן אײנס צוויי, אַ נישט האָט אים דער מייסטער געגעבן אַ דאַנק, האָט ער אים געפּילט אַ גאַנצן טאָג. אָבער וואָס איז דאָס אַלץ געווען קעגן דעם, ווען אפילו שבת האָט ער געמוזט דער ערשטער אויפשטיין, און דער לעצטער זיך לייגן. וויפל כּוח און אָנשטרענגונג האָט אים דעמאָלט געקאָסט דאָס אײנהאַלטן זיך, כּדי ביי דער אַרבעט נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. און טאָמער איז עס אים אַמאָל נישט געלונגען, וויאַזוי האָט מען אים אויפגע־וועקט? מיט אַ צי ביים אויער, מיט אַ שטאָרך אָן דער זייט, אַז ס׳האָט אַזש ווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטון. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט העלפן, און דאָפּאָר תּמיד געשוויגן. און טייל־מאָל פלעגן זיך אין זיין מוח אַריינכאַפּן אַזעלכע מיאוסע גע־דאַנקען, אַזעלכע שרעקלעך־קינדערישע פּלענער עפּעס מוראדיקס אָפּצוטון, און דערנאָך ערגעץ אַנטלויפן אין דער ווייטער וועלט אַריין. אָבער נישט ער איז געלאָפן, נאָר די יאָרן זיינע. ער איז עלטער געוואָרן, שוין געווען אַ דערוואַקסענער בחור, אויף אַרבעט זיך שוין גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, און פונדעסטוועגן ביים מייסטער אין די אויגן נאָך אַלץ געווען דער יונגסטער, דאָס לערניונגל. אַלץ נאָך געווען דער, איבער וועלכן מ׳מעג זיך תּמיד לוסטיק מאַכן; אפילו אָן אַ פּאַרוואָס. און כאָטש די אַלע עוולות האָבן אים די טרערן אין די אויגן אויסגעטריקנט און אין האַרצן ביטערקייט פון דער גאַל אויסגעגאָסן, האָט ער דאָך ווייטער געשוויגן און ווערטער רעזיגנירט. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז אַלץ אָן איבערפּלאַנצונג פון אַ מיאוסער טראַדיציע, פון אַ שלעכטער געוווינהייט, וואָס גייט איבער פון דור צו דור, און

דאַפאַר זיך דאָס וואָרט געגעבן און כמעט פֿײערלעך געשוווירן, אַז אויב ער וועט אַמאָל זײַן אַ מײַסטער פֿאַר זיך און האַלטן מענטשן, — אַ דעמאָלט וועט ער באַשטימט זײַן אַן אַנדערער. אַ סך־אַ סך אַ בעסערער וועט ער זײַן ווי די, וואָס צו אים. מענטשן וועלן זײַן מענטשן. אַזוי וועט עס בײַ אים תמיד זײַן.

אָבער ווערטער זענען דאָך נישט קײן לעבעדיקע בילדער, וואָס הענגען כסדר פֿאַר די אויגן, נאָר, אויב זיי ווערן אין אַ ערגסטער צײַט אַרויסגעזאָגט, זענען זיי פֿילפֿאַרביקע זומער־פֿייגעלעך, וואָס אַ גאַנצן טאָג טראָגן זיי זיך אויף זייערע פֿליגעלעך, און ווען נאַכט פֿאַלט צו, שטאַרבן זיי שטיל אַוועק. און אַזוי איז עס בײַ אים אויך געווען. יאָרן זענען אַוועק, מיט זיי די ברייטע נידריקע שטוב מיט די קליינע פֿענצטערלעך, די מײַסטערן מיטן שטענדיק זײַגנדיקן קינד אויף די הענט און דער געלער לאָמפּ מיטן פֿאַפּירענעם שירעם אויפֿן וואַרשטאַט. אַלץ איז אַוועק, נאָר ער אַליין איז געבליבן. ער, מיט אַן אייגענעם וואַרשטאַט, מיט אייגענע מענטשן און מיט אַ היפּש ביסל געלט אין קעשענע. מיט אַ ווײַב און קינדערלעך אין שלאָפֿצימער, און מיט אַ פֿונקלדיקן בריליאַנט־רינג אויפֿן פֿינגער. מ׳קען זאָגן — ער האָט זיך גאַנץ פֿײַן אַרויפֿגעאַרבעט.

און דאָס אַלץ אַ דאַנק וועמען? —

ער, דער מײַסטער וויל דעם דאַנק אָנהענגען זײַן מזל, וואָס באַגלייט אים ווי אַ געטרײַער וועכטער שוין היפּשע עטלעכע יאָר, אָבער אַ געדאַנק, שאַרף ווי דער שפּיץ פֿון אַ נאָדל טוט אים מיט אַמאָל אַ שטאָך אין מוח: אפֿשר גאָר אַ דאַנק דעם פֿאַרגעסן פֿון דער שבועה?.. ער פּרוּווט דעם געדאַנק אפֿילו נישט פֿון זיך אַוועקטרײַבן; ער ווערט זיך נישט קעגן אים. ער ווייסט: ס׳אייגענע געוויסן קען מען נישט מיט קײן ליגן באַרויִקן. ער וווּנדערט זיך בלויז, וואָס ער האָט געקאָנט אַזוי לאַנג פֿאַרגעסן אָן דעם, וואָס ער האָט זיך אַמאָל אָפּגעגעבן. דוכט זיך אַ קלייניקייט: צו זײַן נישט מער — ווי אַ מענטש...

ער ווייסט אָבער אויך, אַז ס'איז קיינמאָל נישט צו שפּעט שלעכטס צו פאַריכטן; גוטס טון קען מען אַ יעדער צייט, — מ'דאַרף נאָר ווען. און ער וויל. ער וויל שטאַרק, ווי נאָך קיינמאָל. און דעם ערשטן באַווייז פון זיין מענטשלעכקייט וועט ער שוין געבן, טאַקע איצטערט אָ... און די האַנט זיינע, וואָס איז די גאַנצע צייט ווי אַ פאַרגליווערטע אין דער הויך געהאָנגען, איז מיט אַ קלאַפּ אויפן וואַרשטאַט אַראָפּ, אַז דער לאָמפּ האָט אַזש אַ ציטער געטון:

— שלאָפן!

שלאָפן? — און די איינגעהויקערט-זיצנדיקע געזעלן האָבן זיך דאָס נישט געלאָזט צוויי מאָל זאָגן, נישט געפּרוווט אפילו קיין קלער טון וועגן דעם צו פריען איבעררייסן פונם געניי, נאָר גיך אַוועק צו די פּעקלעך, נאָך גיכער פון זיי אַרויסגעשלעפּט ס'בעטגעוואַנט, — און איידער נאָך דער ווייטער שטאָט-זייגער האָט מיט זיינס אַ קלינג געפּרוווט דערציילן, אַז די נאַכט איז שוין מיט אַ פערטל שעה עלטער געוואָרן, איז שוין אין שטוב דאָ דער גרויסער בלעך-לאָמפּ גע-וועזן פאַרלאָשן. אַ סאַמעט ווייכע פינצטערניש האָט זיך לייכט אויסגעבעט איבער אַלע געלעגערס, און אַ הייזעריק שנאָרכצן פון פאַרלייגטע לונגען האָט דערציילט, אַז מע' שלאָפט.

לעמבערג, 1933.

אינהאַלט:

	זייט
פריינט	3
שניישאַרערס	65
אַ בריוו	85
פונקען ביינאַכט	101

אַרויסגעגעבן דורך דער ליט. סעקציע ביים ייד. אַרט.
ליט. פאַריין אין לעמבערג.